STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05649

ROYZENBLETER

S. J. Imber

*Permanent preservation of this book was made possible
by Mordecai Rochlin
in memory of
Frank & Bessie Rochlin*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ibrary of Bureau of Jewish Education
Cleveland, Ohio

שמואל יעקב אימבער

ראָזענבלעטער

ז 811.1 פ

ווילנער פערלאַג פון ב. א. קלעצקין.

איבערדרוקען און איבערזעצען
אָהן דער ערלויבניש פון מחבר
איז פערבאָטען (געזעץ פון 19
מערץ 1911).

Ш. Я. Имберъ.—РОЙЗЕНБЛЕТЕРЪ. Стихи.

Типографія Б. А. КЛЕЦКИНА, Вильно.
1914.

רויזענבלעטער, רויזענבלעטער לאָז איך מיט דעם ווינד!
כ'האָב מיין האַרץ, די רויז צעריסען – זעהט, איך בין אַ קינד...
כ'רייס אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל, כאָטש עס איז אַ זינד...
צו די ליעבע מענשענקינדער טראָג זיי, ווינד, געשווינד.

ווּעסטו מיינע רויזענבלעטער האָבען שוין, מיין קינד,
זאָלסטו לאַנג זיי נישט פערהאַלטען -- לאָז זיי מיט דעם ווינד!
זאָל אַ צווייטען און אַ צעהנטען זיסקייט זיין פערגינט –
פון די רויזענבלעטער מיינע בלוט און האָניג רינט.

אוי ס'איז מעגליך, האַרץ מיינס, האַרץ מיינס, אַז דיין פראַכט פערשווינדט,
אוי ווער ווייסט, ווי נאָהנט דער הערבסט די נעבלען זיינע שפּינט –
זאָלען עדות פון די צייטען פליהען מיט דעם ווינד,
ווען מיין האַרץ פלעגט זיין ווי בלומען, און מיין זעעל אַ קינד.

ערשטעס בוך:

פון האַרץ אַרויס

(1907-1914.)

* * *

אומעטום דאָרט, וואו עס לעגט זיך די נאַכט
אויף מענשליכע זיצען, פון קיינעם בעוואַכט,
אויף מענשליכע הייזער, אויף טיר און אויף שוועל —
אומעטום דאָרטען געפינט זיך מיין זעעל.

אומעטום דאָרט, וואו אַ חלום צערינט,
דאָרט וואו עס וויינט אין דער פינסטער אַ קינד,
אויף וועגען פון פּחד, אויף וועגען פון שמאַרץ —
אומעטום דאָרטען געפינט זיך מיין האַרץ.

אומעטום דאָרט, וואו עס סוד'עט אַ סוד
די יונגפרוי, די נאַכט און דער אָטעם פון גאָט,
ביז ס'פאַרבען די הימלען פאַר בושה זיך רויט —
אומעטום דאָרטען דערזעה איך דעם טויט.

אומעטום דאָרט, וואו עס שמייכעלט די זון
צו מענשליכען לעבען, צו מענשליכען טון,
וואו אַלעמען דאַכט זיך, אַז אַלעס איז גוט —
אומעטום דאָרטען פערשפּריצט זיך מיין בלוט.

איך שעהם מיך...

איך שעהם מיך צו זינגען פון גאָלדענע שטערען,
מען זאָגט, אַז דאָס ליעדעל איז אַלט;
איך שעהם מיך צו זינגען פון אויגען פול טרעהרען,
מען זאָגט, אַז דאָס לאָזט שוין היינט קאַלט.

איך שעהם מיך צו ווייגען אויף ליעבשאַפט פול טריבשאַפט,
צו ריימען דאָס האַרץ מיט דעם שמאַרץ,
איך שעהם מיך צו ווייזען דעם טרוים, וואָס מיין שטוב שאַפט
דעם דרויסען, וואָס זעהט אַלעס שוואַרץ.

איך שעהם מיך צו שרייבען די ווערטער, וואָס בלייבען
פאַר שטילע נשמות אַ שאַץ —
איהר וועט דאָך נישט גלייבען, ווי קינדערלעך גלייבען,
אַז גאָט האָט אין מענשענהאַרץ פלאַץ.

ליעדער און טרעהרען.

די ליעדעלעך, די ליעדעלעך,
מיין זעעלענהימעלס שטערען,
די ליעדעלעך, די ליעדעלעך,
מיין הארצענס קלאַנגגען-ציער —
איהר הערט זיי נישט, איהר הערט זיי נישט,
דאָך ווערט איהר זיי דערהערען,
עס ווערט דאָך מעהר ווי ליעדעלעך
נישט בלייבען דאָ נאָך מיר.

די טרעהרעלעך, די טרעהרעלעך,
וואָס לייכטען מיינע ווערען,
די טרעהרעלעך, די טרעהרעלעך
אין טעג פון טרויער שוואַרץ —
איהר זעהט זיי נישט, איהר זעהט זיי נישט,
און ווערט זיי נישט דערזעהען —
זיי לעשען זיך, זיי לעשען זיך
אינאיינעם מיט מיין האַרץ.

מיינע טעג.

די טעג מיינע געהען אין שטילקייט אוועק,
ווי כוואַליעס, וואָס געהען צו קניהען ביים ברעג.

די טעג מיינע געהען, ווי מיידלעך צום טאַנץ —
פול פרייד און פול בלוטרויש און ציטערדיג גאַנץ.

די טעג מיינע קומען ווי קינדער צו מיר,
און שיטען — ווי קינדער — שאַרף זאַמד פאַר מיין טיר...

זיי קומען און לאָזען מיך אָפטמאָל פערוויינט —
איך שייד מיך מיט זיי, ווי מען שיידט זיך מיט פריינד.

שטילער טרויער.

ביים סוף פון דעם טאָג, ווען עס בלוטיגט די זון,
דערמאָן איך, אז כ׳האָב אַמאָל ברידער געהאַט,
וואָס זענען געגאַנגען מיט מיר צו דער זון.

אין שטילקייט געהילט און מיט טרויער בעדעקט
קוק איך פון פענסטער אין גאָרטען אַריין,
אויף שפיצען פון ביימער מיט זונבלוט בעפלעקט.

אויף שפיצען פון ביימער דערזעה איך דעם טויט —
תּכריכים פון נעבעל צעהענגט ער געדיכט
אויף עפּעל, וואָס זענען אין דאָפּעלטען רויט.

און שווער ווערד מיין האַרץ, ווי אַ זינקענדע זון —
און אָפּטמאָל ערשט דאַן, ווען דער טאָג קומט שוין אויף
געהט אונטער מיין האַרץ אין דער נאַכט פון דעם שלאָף.

אין די שאָטען פון מיין צימער.

מיינע הענד שטרעק איך אויס, ווען עס זעהט מיך נישט קיינער,
ווען דער אָבשיין פון גאַסענליכט ציערט מיינע ווענד —
אַ ברכה, אַ שטילע דער גאַס דער אומריינער
געהט פון מיינע אָפענע, ציטריגע הענד.

ווי אַ זוהן קושט זיין שלאָפענדע, מידענקע מוטער
אין שטערען, וואָס ס'האָט איהם צעאַקערט די נויט,
אַזוי קוש איך אין שטילען פון ווייטען דאָס געסעל,
וואָס שלאָפט שוין און ווייסט נישט, אַז דאָ בלאָנקעט דער טויט.

און איך פיהל מיין נשמה, ווי אַ מין ארון-קודש,
וואו געוויינט האָבען קעפ שוין אַ סך, אוי אַ סך!
און איך פיהל מיין נשמה, ווי זי שרעקט זיך און ציטערט,
ווי אַ קינד אין דער פינסטער, ווי אַ זקן אין גאַס.

איך און די נאַכט.

די נאַכט איז שטיל און איך בין שטיל,
מיר זענען ביידע טרעהרענפול,
מיר זענען ביידע טרעהרפערטראַכט —
איך און די נאַכט, איך און די נאַכט.

די נאַכט האָט מיך געקושט אין מויל,
און שווייגענדיג געדריקט מיין האַנד,
מיר האָבען אַלעס שטיל געבענשט,
און טרעהר נאָך טרעהר געשיט ביינאַנד.

ווי טאַטע-מאַמע ביי אַ וויעג
זע-מיר געשטאַנען ביי דער שטאָדט,
זע-מיר געשטאַנען ביי דעם דאָרף,
געשפרייט חלומות פון דעם גליק.

ווי טאַטע-מאַמע ביי אַ קינד,
וואָס שלאָפט און ווייסט נישט, אַז עס שטאַרבט,
האָבען מיר הויך געוויינט, ווען ס'האָט
דעם הימעלס זוים זיך רויט געפאַרבט.

1907.

צו מיר האָט אַ קבר געזאָגט...

צו מיר האָט אַ קבר געזאָגט:
דו טראַכטסט פון דעם טויט, פון דעם טויט...
ביסט איינמאָל געגאַנגען פאַרביי —
און וויינען האָב איך דיך געהערט.

אוי האַרציגער, האַרציגער מענש
— האָט איינמאָל געזאָגט מיר אַ שטיין —
דיין שטערען איז הייסער אַ סך
פון יתומים׳ס פערבראָכענע הענד.

און זודיגער איז דיין געוויין,
ווי אלול די טרעהרען פון ליכט;
ביסט טרויריגער נאָך פון דער נאַכט,
וואָס כאָוועט דעם מלאך פון טויט.

צו מיר האָט אַ קבר געזאָגט:
דו קום צו מיר אַלע פאַרנאַכט,
ווען ס׳זעצט זיך אין מערב די זון,
ווען ס׳פלאַצען די סטרונעס אין האַרץ.

* *
*

פול בלוט איז געווען דער הימעל ביים ראַנד,
דער הימעל ביים ראַנד, וואו די זון איז פאַרגאַנגען;
די זון איז פאַרגאַנגען — און כ'האָב מיך דערמאַנט,
אַז גלייך ווי די זון איז דאָס האַרץ מיינס געפאַנגען
אין פּאַלאַץ פון חושך און בלוט.

און כ'האָב מיך דערהויבן בעוואָפענט מיט וועה,
בעוואָפענט מיט וועה און מיט צאָרען-כּלי-זין,
מיט צאָרען-כּלי-זין און האַסהייסען בליי
געגאַנגען דאָס האַרץ מיינס, דאָס האַרץ מיינס בעפרייען
פון פּאַלאַץ פול חושך און בלוט.

און ווי ס'האָט די ריגלען פון טויער און טיר,
פון טוי'רען און טירען צעבראָכען מיין צאָרען,
צעבראָכען מיין צאָרען אַ ליעד האָט אין מיר —
אַ ליכטיגעס ליעד איז דאָס האַרץ מיינס געוואָרען
אין פּאַלאַץ פון חושך און בלוט.

ווען מען האַקט דעם וואַלד...

ווען מען האַקט דעם וואַלד,
וויינט אַיעדער בוים —
און גאָר שטיל, גאָר שטיל
וויינט די האַק, די האַק...

גלויבט איהר, ווען איך זאָג
איך, די האַק, איך וויין,
ווען מען האַקט דעם וואַלד
מיט מיין העלער שאַרף — ?

פאַר דער וואַנדערונג.

אַלץ, וואָס כ׳האָב אַמאָל געקושט אין חלום,
אַלץ, וואָס כ׳האָב געווײנט דאַנאָך אָהן טרעהרען,
געה איך זוכען דאָרט ביים ראַנד פון הימעל —
ס׳איז נישט ווייט...

כ׳האָב מיין הויז פערברענט — איך דאַרף קיין הײם נישט;
דאָרט ביים ראַנד פון הימעל וועל איך רוהען;
נעמט דעם שטעקען. — יעדער וואַנדערשטעקען
איז אַ לאַסט.

נאַקעט געה איך, ווי אַ קינד וואָס ווייסט נישט.
כ׳ווייס נאָר אײנס: צו שטערען דאַרף מען שמייכלען,
און די זון, זי טרינקט מען מיט די אויגען — — — —
לאַכט און לאַכט!

כ׳וועל דאָך נאָך אַמאָל אַהערצו קומען,
גאָלדבעהאָנגען, שטראַהלענגאָלדבעהאָנגען —
און פאַר גליק וועט איהר מיט מיר נאָך לאַכען.
כ׳האָב אייך ליעב.

און געהט מיין וועג...

און געהט מיין וועג קיין צפון,
און געהט מיין וועג קיין דרום —
מיין האַרץ בלייבט שטענדיג אָפען,
מיין האַרץ בלייבט שטענדיג אָרים.

און געהט מיין וועג קיין דרום,
און געהט מיין וועג קיין צפון —
עס בלייבט נישט קיינער אָרים,
ווער ס'האָט מיין האַרץ געטראָפען.

די היים.

וועגען שטילע, ווי קלוגע זקנים,
גראָזען ווייכע, ווי צערטליכע מאַמעס —
דאָ האָט איהר מיך ווידער אַ שעהנעם, אַ ריינעם,
מיט אויגען ווי זונען, ווי זונען אים תמוז.

וועגען שטילע, ווי דאָרפישע אויגען,
גראָזען ווייכע, ווי סאַמעט־האָר־פלעכטען —
דאָ האָט איהר מיך ווידער! איך קום ווי געפלויגען — —
מיין גליק איז געווען דאָ... נישט נעכטען, נישט נעכטען...

דאָ האָט איהר מיך ווידער, אַ לאַכענדען מענשען,
אין זומערטעג לאַנגע אַ קינד צווישען קינדער —
וועגען שטילע, ווי טאַטעס, וואָס בענשען,
גראָזען ווייכע און זיסע ווי קינדער!

ש. י. אימבער: רויזענבלעטער

די מאַמע.

שבת׳דיג שטילקייט! הייליגע לעכט!
אויגען פערדעקטע מיט ציטריגע הענד!
טרעהרען מיין מאַמעס — איך האָב אַייך דערקענט — — —
זילבערן שנירעל, פלעכט דיך און פלעכט...

טרעהרען מיין מאַמעס, רינט שטילינקע, שטיל...
זילבערנער חלום — וויעג דיך און וויעג...
וויעג־זשע מיך אַיין און וועק מיך צוריק
ערשט ווען דער טאַטע וועט קומען פון שיהל...

אַ טויב ביסטו, מאַמע... דיין אויג איז פול שיין...
צי, מאַמעניו, ווייסטו אויף יענע זעקס טעג,
וואָס זענען אין ביטערע דאגות אַוועק —
צי ווייסטו אויף דעם, וואָס נאָך שבת וועט זיין?

כ׳פערשטעה דיך, מייך מאַמע... כאָטש כ׳פרעג... איך פערשטעה...
לאָז רינען די טרעהרען, נישט האַלט זיי צוריק...
זיי זענען אין לעבען מיין לייטזעליגסט גליק —
מיין האַרץ, דאָס פיעלליעבענדע באָד איך אין זיי.

1907.

*   *
*

דיין מוטער איז אַ שטילע טויב,
דיין מוטערס טרעהרען קלויב זיי, קלויב.

דיין מוטער איז אַ קינד, ווי דו–
דו ביסט איהר אומרוה און איהר רוה.

זי איז דיין אומרוה און דיין רוה–
ווען דו טראַכטסט פון איהר, מאַך די אויגען צו.

1908.

שבת.

געלויבט זאָל זיין דער שטילער טאָג פון רוהען—
אַ גילדען אות איז ער אין לעבענס חלום.
געלויבט זענען די ווייכע הענד פון שלום,
וואָס אונז׳רע קעפּ באַגאָטיש בענשען טהוען.

געאַכפּערט און געלויבט זענען די שעה׳ן,
ווען קינדיש ווערד דאָס אויג פון מקובלים,
ווען שטאָט דעם קלאַנג פון בלאַנקע זילבער-שקלים
שווימט ס׳רוישען פון פּרוכת-זייד, דעם בלאָהען.

שטיל איז. אַ שמונה-עשרי-הויך אַ ריינער
פערזאַפּט אין די נשמות טיעף און טיעפער.
אַ לייכטען זיפץ פערשלינגט דער ארון דאָרטען.

אַ שטילשווייגען. אָם שטילסטען דאָך שווייגט איינער,
אַ נע-ונד׳ער, בלייך פערקלערטער שיפער —
אַ גוטער ווינד האָט איהם געבראַכט צום באָרטען.

1907.

אויף יענער זייט...

אויף יענער זייט טיר, אויף יענער זייט וואַנד
שטעהט גליק און אומגליק האַנד אין האַנד.

„געה דו אַריין פריהר” — „„געה דו אַריין פריהר””
הער איך זיי רעדען אויף יענער זייט טיר.

„געה דו אַריין פריהר און פערדאַרב זיין האַרץ” —
„„געה דו און מאַך זיין זעעלע שוואַרץ.””

און זיי שטעהען פון פריה, און זיי שטעהען ביז נאַכט —
איך עפען די טיר — און מיין האַרץ, עס לאַכט,

און עס לאַכט מיין זעעל, ביז עס שווינדען די צוויי —
מיין האַרץ און מיין זעעל זענען שטאַרקער פון זיי.

* *
*

צווישען בלומען האָב איך געליטען,
צווישען דערנער האָב איך געלאַכט,
צווישען זאַנגען האָב איך געטראַכט
צו ווערען ווי זיי געשניטען.

צווישען ליעדער בין איך אַנטשלאָפען;
אָ גאָט, אָ גאָט, אָ גאָט —
צווישען כבוד בענק איך נאָך שפּאָט,
וואָס האָט דיינע בעסטע געטראָפען.

טויזענד־איינס.

קינד מיינס, קינד מיינס, קינד מיינס
– זאָגט מיר שטיל די נאַכט –
כ׳האָב דיר טויזענד שטערען
פון עק־וועלט געבראַכט.

מוטער, מוטער, מוטער
– ענפער איך איהר שטיל –
דער טויזענד־ערשטער שטערן
איז דער, וועלכען איך וויל.

* *
*

איך ווייס נישט, צי וועל איך אין פעלד זיי געפינען,
די בלומען, וואָס בליה׳ן אין מיין טרוים —
איך ווייס נישט, צי וועל איך אין וואַלד דיך געפינען,
דו הימעלהויך רוישענדער בוים —

איך ווייס נישט, צי וועל איך אין לעבען געפינען
צום קבר די זיכערסטע טיר —
איך ווייס נישט, צי וועל איך אין גרוב דיך געפינען,
דו רוה, וואָס כ׳מוז לעבען אָהן דיר.

פיער שורה׳לעך.

פיער שורה׳לעך פול זון,
פיער שורה׳לעך פול נאַכט —
מיין האַרץ קאָן אָפּט נישט רוה׳ן,
און כ׳האָב אַ ליעד געמאַכט.

פיער שורה׳לעך פול גאָלד,
פיער שורה׳לעך פול בלוט —
איך האָב אַזוי געוואָלט
איהר זאָלט פערשטעהן מיך גוט!

איך האָב אַזוי געטראַכט
איהר זאָלט פערשטעהן מיין האַרץ!
פיער שורה׳לעך פול פראַכט —
פיער קוואַללען פון דעם שמאַרץ

איך זינג אײַך...

איך זינג אײַך פֿון מיר אַזוי פֿיעל,
און וועל אײַך נאָך זינגען פֿיעל מעהר,
כ'מאַך אויף פֿאַר אײַך אַלע מײַן האַרץ
און וויַיז אײַך אַ טרעהר נאָך אַ טרעהר,

כ'היל אויף פֿאַר אײַך אַלע מײַן זעעל
און וויַיז אײַך אַ וואונד נאָך אַ וואונד,
און שליעס מיט אײַך, מענשליכע זיהן,
אַ געטליכען, אײביגען בונד.

און שליעס מיט אײַך, מענשליכע זיהן,
אַ בונד אויף אַנ'אײביגקײט לאַנג –
אַנ'אײביגקײט וועט דאָך פֿערגעהן,
ביז ס'גרייכט אײער האַרץ מײַן געזאַנג.

וואָרנונג.

שטערען, שטערען, צויבערשטערען,
האַרץ מיינס, האַרץ מיינס, פייכט פון טרעהרען,
פייכט פון טרעהרען, מיעד פון אירען —
וועה, ווי קאָן דיין ליכט פערפיהרען!

געהט נישט נאָך מיין האַרץ, דעם שטערען!
קלויבט נישט מיינע טויזענד טרעהרען!
וועה, איהר וועט אַייך נאָך פעראירען
צו דעם לאַנד, וואו טרעהרען ריהרען.

מיר קומען צו דיר...

„מיר קומען צו דיר, מיר קומען צו דיר,
ווי קינדער צו דער מוטער" —
זאָגען די ליעדער צו מיין זעעל,
צו מיין זעעל, דער אַלצוגוטער.

„כ'בין אַליין אַ קינד, כ'בין אַליין אַ קינד"
— זאָגט צו זיי מיין זעעלע —
„און איך וויין מיך בלינד, ווי אַ נאַריש קינד,
ביז איהר ברענגט מיר טרוימען העלע.

* *
*

איך גיב זיי גערען, די טויזענד טרעהרען,
די טויזענד ליעדער פול הארציג בלוט —
זיי וועלען אייביג שוין אייך געהערען,
ווען לאנג אין קבר דאס הארץ מיינס רוהט;
צי וועט איהר טראַכטען, צי וועט איהר קלערען
אין טויזענד יאָהרען כאָטש איין מינוט,
אַז ווײנען ווײנט איהר מיט מײנע טרעהרען,
און ס׳רוישט אין הארצען ביי אייך מיין בלוט—?

און וועלען קומען אַזוינע צייטען,
און וועט איהר טראַכטען אַזוי פון מיר —
דאַן געהט אויף וועגען און פרעגט ביי לייטען,
און פרעגט אייך אָב צו מיין קבר׳ס טיר;
דאָרט וועט איהר טרעפען אַ שטיין אַ ברייטען,
וואָס רעדט פון טויט, און רעדט פון מיר —
די פאַלשע אויפשריפט זאָלט איהר פערבייטען,
און שרייבען זאָלט איהר: „ער לעבט, ווי פריה׳ר״.

צו אַ פריינד.

אַז איך וועל שטאַרבען וועסט דו נישט וויינען –
איך ווייס, מיין פריינד.
דו וועסט מיין גרוב נישט בלומבעקריינען –
דו האָסט דאָס פיינט.

וועסט אַלע נאַכט מיינע ליעדער לייענען
ווי היינט, ווי היינט.
אַז איך וועל שטאַרבען וועסט דו נישט וויינען,
מיין קלוגער פריינד.

צו מיינע אומבעקאנטע.

ווען דו לעזט די ליעדער מיינע
שפעט ביי נאַכט,
דו, וואָס ווערסט ביי מיינע ליעדער
שטיל פערטראַכט —

דו, וואָס קוקסט מיט טיעפע אויגען
טיעף אַריין
דורך די שורות אין מיין האַרצען,
ברודער מיין! —

ווייס, מיין זעעלע רייסט זיך דעמאָלט
צו דיין זייט!
ווייס, מיין זעעלע הערט דיין האַרצרוף
פון דער ווייט!

ווייס, מיין זעעלע קומט און בוקט זיך
איבער דיר,
און בעוואַכט דיר ביז צום מאָרגען
האַרץ און טיר.

צו די קומענדיגע.

איהר, וואָס וועט קומען, ווען כ'וועל שוין נישט זיין,
איהר, וואָס וועט קומען אין לעבען אריין,
אין אייערע הערצער לאָזט לעבען מיין ליעד —
פאַר אייך, אוי פאַר אייך האָט דאָס ליעד מיינס געבליהט.

איהר, וואָס וועט קומען נאָך יאָהרען און טעג,
איהר, וואָס וועט קומען פול צאָרען און שרעק,
איהר, וואָס וועט קומען פון גליקען בעגלייט —
אייך אַלע געקענט האָט מיין פרייד און מיין לייד.

איהר, וואָס וועט קומען פון געטער געשיקט,
מיט ליעדער בעגליקט און מיט טרוימען בעשטריקט —
ביי אייך וועט מיין גייסט אין די טרוים-שעה'ן רוה'ן,
אַ יעדער פון אייך איז מיין טייערסטער זוהן.

ביי אײַך מײַן זעעל...

ביי אײַך מײַן זעעל, איהר ברידער זעעלענשעהנע,
איהר רייגע,
איהר ווייסע מענשענטויבען, מענשענבלומען —
כ'וועל קומען
דורך יאָהרען הונדערט און דורך יאָהרען טויזענד,
ווען ברויזענד
דאָס יונגע בלוט וועט אין דעם האַרץ אײַך שלאָגען —
מיט אײַך צו זינגען, און מיט אײַך צו קלאָגען.

* *
*

אַ ליעד, אַ ליעד, און נאָך אַ ליעד —
וואָס גיבען דיר די ליעדער? —
זיי גיבען מיר, זיי גיבען מיר
מיין פרייע זעעלע ווידער.

אַ ליעד, אַ ליעד, און נאָך אַ ליעד —
ווער הערט זיי דען, די ליעדער? —
עס הערט זיי גאָט, עס הערט זיי גאָט,
און צעהן פון מיינע ברידער.

°°°○◯○°°°

צווייטעס בוך:

רעכטס און לינקס פון וועג

(1907–1908.)

וואַנדערונג.

דאָס האַרץ אין האַנד, די ליעב׳ אין האַרצען,
און פרייד און לייד אין בליקענשפּיעל,
און וועגלאָז — צו די ווייטסטע ווייטען;
און ציעללאָז צו דעם שענסטען ציעל —

אַזוי בין איך פאַרבייגעוואַנדערט,
אַזוי האָט יעדער מיך געזעהן,
ווער ס׳האָט פון גאָט צוויי ענגעלאויגען
און הייסט ביי לייט אַ מיידעל שעהן.

אַזוי האָט יעדער מיך געזעהען,
וואו יוגענד ברויזט, וואו שעהנקייט הויזט —
פאַר צעהנערהונדערט ענגעלאויגען
האָב איך מיין האַרצענס פראַכט ענטבלויזט.

און וואַנדערנד מיט מיין האַרץ דעם בלויזען
האָב איך צעהנהונדערט מאָל גערוהט,
אויף דערנער פון צעהנהונדערט רויזען
האָב איך געלאָזט מיין האַרצענס בלוט.

* *
*

אויף דעם וועג, וואו פוהרען פאָהרען, געה איך מיר צופוס;
כ׳בין נאָך גאָרנישט מיעד געוואָרען — וואַנדערען איז זיס!
זעה איך פייגעל אין דער לופטען, נעהם איך מיר אַ גרוס
פון דער ווייטען, וואו דאָס לאַנד פון מיינע טרוימען איז.

פייגעל, פייגעל אין דער לופטען — פאַלש איז אייער גרוס...
דאָך איך ליעב אייך, איהר שליחים פריי און פאַלש און זיס!
זעהט, פאַר אייער זיסער פאַלשקייט פאַל איך אויף די קניע׳ס!
שרעקליך קינדיש איז מיין זעעלע, קינדיש ווי אַ ריעז.

ברידער מיינע, אַז כ׳וועל שטאַרבען — שטאַרבען וואו-ניט-איז,
לאָזט די פייגעל מיך בעקלאָגען פריי און פאַלש און זיס...
לאָזט מיך אין דעם שטויב פון וועגען — ר׳איז מיר ליעב און זיס!
דעם, וואָס לעבט אַ וואַנדערלעבען איז דער שטויב נישט מיאוס.

וואַנדערער-גליק.

I.

אין יענעם שטילען אויפדערנאַכט,
ווען ביסט געקומען אויף מיין וועג,
ווען ביסט געקומען ווי אַ קינד —
האָט הויך געלאַכט מיין גליק, מיין גליק.

און כ'האָב געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט,
אַ גאַנצע, לאַנגע, זיסע נאַכט:
דו בלום, דו בלום, דו יונגע בלום,
צי האָט דיך ווער ווי איך בעטראַכט?

דו בלום, דו בלום, דו מענשענבלום —
צי האָט דיך שוין געבענשט אַ האַנד?
צי האָט דיך שוין געקושט אַ'ן אויג?
צי האָט אַ האַרץ געלאַכט דורך דיר?

II.

איך שטעה און קוק, און קוק אויף דיר,
און ווער נישט זאַט, און ווער נישט זאַט!
ווי גליקליך איז דיין מוטערס אויג —
זי קען דיך פון דיין ערשטען טאָג!

ווי גליקליך איז דיין מוטערס אויג!
זי קוקט דיך אָן — און זעהט אַ טאָג,
וואָס איז געווען גאַנץ לאַנג, גאַנץ לאַנג,
וואָס האָט געבוירען גליק, אָך, גליק...

III.

קום, אָ קום צו מיר אין שטוב,
כ'וועל דיך קושען, קושען לאַנג,
ס'בענקט נאָך דיר מיין האַרץ-געדאַנק,
ס'בענקט נאָך דיר מיין האַרצענס ליעב'!

אין מיין שטילער, שטילער שטוב
איז פּאַר בלומען דאָ אַ טוי —
אויגען שוואַרץ און אויגען בלוי
האָבען דאָרט שוין אויפגעבליצט.

אויגען שוואַרץ און אויגען בלוי,
גאָטעס בלומען אויף דער ערד!
גאָט האָט מיר זיין טוי בעשערט,
און איך וואַש זיי ריין פון שטויב.

און איך הייב זיי אויף צו גאָט,
און איך שמעק מלאכים-דופט —
אין מיין שטילער, שטילער שטוב
איז גן-עדן'דיג די לופט.

IV.

שוין — עס הענגען שוין די קראַנצען
אויף מיין טיר!
איצט בעגעהר איך דיך אין גאַנצען,
קום צו מיר!

טרינק מיך אָן מיט דיינע אויגעס
שטראַהלענסוד —

איך בעגעהר נאָך דיינע אָרעמס,
יונגער גאָט!

זעה, מיין קינד, איך בין אַ נביא —
און איך לאַך!
כ׳קאָן אויך ליעבען, כ׳קאָן אויך קושען,
און אַ סך!

כ׳קאָן אויך טאַנצען — וועל׳מיר טאַנצען,
קינדער מיר — — —
קום, שוין וויעגען זיך די קראַנצען
אויף מיין טיר!

V.

דו פריידענקוואַלל, דו אויגענשיין,
דו מוזט אַ שלעכטע, שלעכטע זיין —
דו מוזט אַ שלעכטע, שלעכטע זיין —
וואָס הערסטו נישט דאָס רופען מיין?

וואָס הערסטו נישט דאָס רופען מיין
מיין קאָפּ איז פול מיט אַלטען וויין,
מיט אַלטען וויין פון יונגער ליעב׳...
וואָס קומסטו נישט צו מיר אין שטוב?

איך וואַרט דאָך שוין אַ חדש לאַנג,
פון מאָרגען פריה ביז אָבענדגאַנג;
איך וואַרט דאָך שוין אַ חדש צייט —
און דו ביסט פרעמד, און דו ביסט וויים!

VI.

פריהמאָרגענס לאַך איך הויך און שטאַרק
בײם עפענען די אויגען;
און שטאַרבט די זון – ערוואַכט מײן פײנד
דער טויט, און שפּאַנט זײן בויגען.

פריהמאָרגענס רופט מײן גאָרטען מיך
מיט פרישע רויזענדופטען,
און צווישען טאָג און נאַכט הענגט שוין
אַ גוסס-קרעכץ אין לופטען.

פריהמאָרגענס הענג איך פרישע קרענץ
אויף פענסטער און אויף טירען–
און אָבענדס קומט מײן אײנזאַמקײט
צום בעט אָהן שלאָף מיך פיהרען.

VII.

מיט טיעפע אויגען קוקט אויף מיר
דאָס קינד, און שרעקט זיך, שרעקט זיך:
– ווען האָט בײ דיר, דו פרעמדער מענש,
מײן גאָלדען בילד דערוועקט זיך?

ווער ביסטו, מענש, וואָס קומסט צו מיר
אין מיטען פון די גאַסען?
איך פיהל, דו ווילסט מיר רויבען וואָס,
דאָך קאָן איך דיך נישט האַסען.

דו ווילסט מיר רויבען יענע טעג,
וואָס האָבען גראָה בעדעקט מיך...
איך בין געשלאָפען – וועק מיך נישט,
עס שרעקט מיך און עס שרעקט מיך...

VIII.

מיין אויג איז אַ בליץ, און דיין אויג איז אַ טייך,
פול הימעל און רוה:
איך פאַל דיר אין ד'אָרעם, אין ד'אָרעם דיר גלייך—
וואָס ציטערסטו? דו — — —

איך פאַל אין דיין אָרעם, און זינק אין דיין טיעף,
דיין טיעפעניש — מענש;
דיין רוהיגע פלאַך האָט מיין שטורעם צעשטערט...
איצט שעלט מיך — צי בענש!

IX.

ווי בענק איך, מיין קינד, פון דער טיעף, פון דער טיעף
אַרויף צו דיין פלאַך!
איך בין אין דיין תּהום אַ פערקלונגענער לאַך,
אַ פערטרונקענע שיף.

געשטאָרבענע הענגען די זעגלען אויף מיר —
תּכריכים־צייג ווייס,
און כוואַליעס הענד שלאָגען מיט שטורמיגען כעס
אין מיין היימליכסטער טיר.

X.

און כ'האָב מיך דערהויבען, און האָב מיך בעפרייט,
שוין ווינקט מיר דיין פּנים פול לייטזעליגקייט.

און כ'האָב מיך דערהויבען פון דריקענדען טרוים,
דעם דריקענדען טרוים, איך געדענק איהם נאָך קוים.

איז וואָהר, אַז אַ טייך ביסטו, וואו עס ווערד ריין
דער בליץ פון דעם שטן׳ס וועלטטויטענדען מיין?

איז וואָהר, אַז אַ שטורעם געווען איז דאָ פריהר?
און איך, ווען בין איך דען געוועזען ביי דיר?

ווען איז עס געוועזען?—דו טראַכטסט, און איך טראַכט...
עס האָט אונז דאָך גאָך נישט געזעהען די נאַכט...

XI.

די נאַכט, זי איז אַ שטילע, שטילע —
זי לויפט מיר נאָך דעם גאַנצען טאָג...
דאָך—גלויבסטו, קינד?—איך קען זי נישט...
איך נעכטיג נישט אויף וואַנדערוועגען.

אָ שרעק דיך נישט, אָ פאָרכט דיך נישט—
זי וועט אונז נישט דערגרייכען, ניין —
און עה עס וועט דער טאָג אַוועק
וועסט דו מיך זיכער נאָך פערשטעהן.

XII.

איך בין אַ נביא אין מיין היים,
און וויל אַ קינד זיין אין דער פרעמד;
קום, פיהר מיך אונטער ביז צום וואַלד,
וואו טעגליך שטאַרבט די רויטע זון.

די רויטע זון בעגלייט מיך שטיל,
זי געהט מיט מיר וואוהין איך וויל...
ווערסט זעהען זי, און זעהען לאַנג,
ווען איך וועל שוין נישט זיין ביי דיר.

XIII.

און איצטער איז מנחה־צייט, מנחה־צייט שוין —
אָ ליכט, אָ קרוין!
געזעגען דעם טאָג, עה ער שווינדט —
מיין קינד...

און ווילסטו פערנעמען מיין תפילה, מיין ליעד —
איז גוט, איז גוט — — — —
מיין אָבענדליעד היינט איז דיין לויב,
דו שטויב...

פאַר גליק האָט געזונגען, געזונגען אין מיר
דורך דיר, דורך דיר...
פאַר גליק האָב איך וויינען געוואָלט —
אָ גאָלד!

XIV.

... און איך בין געגאַנגען אָהן ציעלען און שטיל,
ביז כ'האָב דיך דערקענט;
היינט ווייסט שוין מיין אָדלער, מיין גייסט, וואָס ער וויל —
אָ גיב מיר די הענד!

היינט זעה, וואָסער וואונדערליך בלוט איך פערמאָג—
אָ טרינק עס, ס׳איז וויין — — —
און איצט איז אַ טאָג ערשט אַוועק, ערשט אַ טאָג —
געבענשט זאָלסטו זיין!

XV.

און פרעג מיך נישט, וואוהין איך געה —
צי ווייס איך דען?
מיין פוס טרעפט זעלטען צו דעם אָרט,
וואו כ׳בין געווען.

איך געה, כדי צו בענקען אַלץ
צוריק, צוריק...
אוי ועל איך בענקען נאָך דיין אויג
און נאָך דיין בליק!

צו אן עהרליך קינד.

1.

אַמאָל, אַמאָל, ווען כ'בין געגאַנגען פאַרביי דיין רויטבעמאָלטער טיר,
איז לאָקיג דאַן געווען דיין קאָפּ, און האָט געלאַכט, געלאַכט צו מיר.

אַמאָל, אַמאָל האָב איך געטרונקען פון דיינע האָר דעם אַראָמאַט;
אַ דורשטיגער בין איך געווען – דו האָסט געמאַכט מיך זאַט, אָך, זאַט.

אַמאָל, אַמאָל, דורך בענקשאַפטס-פּלאָג האָב איך אַ גאַנצע, גאַנצע נאַכט
דיין ליכטבעריבטען פענסטערס סוד, דעם שוואַרצען סוד בעוואַכט, בעוואַכט.

אַמאָל, אַמאָל, (איך בין אַ מענש) האָב איך מיין גאָט דורך דיר געטייט–
אין גאָרטען, וואו דער שאָטען וואוינט, אין אָווענד, ווען די זון פערגעהט.

2.

אַ גאָלדענער שטערען, אַ צווייג מיט אַ רויז –
איך האָב דיך געהאַלטען ביי מיר אויף דעם שויס,
איך האָב דיך געהאַלטען און האָב דיך געקושט,
איצט פרעג איך דיך איבער, געדענקסטו שוין נישט.

דו האָסט מיך געפרעגט, ווער איך בין, וואו איך וואוין,
איך האָב מיר געפלאָכטען פון שטראַהלען אַ קרוין –
„דער קעניג פון מאָנדשטראַהלען האַלט דיך און קושט"...
איצט פרעג איך דיך איבער, געדענקסטו שוין נישט.

דו האָסט מיר געגלעט און געקרייזעלט די האָר,
געזאָגט, אַז דו וועסט מיך געדענקען אַ יאָהר —
אַ יאָהר איז אַוועק, זינט איך האָב דיך געקושט,
איצט פרעג איך דיך איבער, געדענקסטו שוין נישט.

דו ביסט אַזוי פינקטליך און קינדיש, מיין קינד,
דו ביסט אַזוי וואונדערליך ריין פון אַ זינד,
דו ביסט אַזוי וואונדערליך הייליג און ריין —
דו וועסט אויף מיר וואַרפען דעם אַל-ערשטען שטיין...

* *
*

מיט דעם ערשטען פריהלינגסווינטעל,
מיט דעם ערשטען פויגעלליעד,
מיט דעם ערשטען יונגען בלימעל
האָב מיין האַרץ זיך יונג צעבליהט.

קום, דו קינד מיט פייערבליקען,
פליק מיין האַרץ, די בלום געשווינד —
פאַר דעם ערשטען פויגעל-אָבשייד,
פאַר דעם ערשטען אָסיען-ווינד.

* *
*

אַזוי פיעל בלימעלעך אין גאָרטען,
אַזוי פיעל מיידעלעך אין גאַס —
און יעדע טראָגט די שענסטע פאַרבען,
און יעדע מאַכט דיך רויט און בלאַס.

צו וואָס דאָס זוכען און דאָס וואַרטען,
צו וואָס דאָס קלויבען לאַנג און באַנג! —
אין יעדער בלום און מיידעלהאַרצען
דער זעלבער זיסער צויבערטראַנק.

* *
*

איך ברענג דיר, האַרץ, פון בלומענבלוט
אַ קרבן נאָך אַ קרבן —
אָ גלוט, אָ גלוט, אָ זונענגלוט,
דו האָסט מיין האַרץ פערדאָרבען!
אָ בלום, אָ בלום, אָ דופטענבלום,
אָ דופטענבלומען טויזענד —
אָ גאָרטען, כ׳ברענג דיר קינדער אום
אין רויש פון דופטען ברויזענד.

און דאָך, ווען ס׳פאַלט די זאַכטע נאַכט
אין גאָרטען מיעד אַנידער,
ווען אין מיין האַרץ די מאַכט ערוואַכט,
וואָס וועבט פון דופטען ליעדער —
דאַן געה איך דאָרט, אַן ענגעלסבילד,
דער הימעל צינדט מיר ליכטער,
און טויזענד בלומען שעפטשען מילד:
„ביסט אונזער ברודער, דיכטער".

צו מיינע אומבעקאַנטע.

האָסט אַמאָל פון מיר געטראַכט
האַרציג, אַזוי גוט?
האָסט אַמאָל אין שטילער נאַכט
שטיל געליי'נט מיין ליעד?

האָסט אַמאָל געפיהלט אין האַרץ,
אַז דו האָסט מיך ליעב,
אַז דו וואָלסט מיט מיר געלאַכט
אין מיין שטילער שטוב?

האָסט אַמאָל געטראַכט מיט פרייד,
מיט לויטער, לויטער פרייד
פון מיין האַרץ און פון דער טרעהר,
וואָס שטראַהלט אין האַרץ ביי מיר?

דאַן קום צו מיר, מיין פלייש, מיין בלוט!
פערלאָז דיין הויז, פערלאָז! —
מיין פענסטער האָט קיין לאָדען ניט,
מיין טיר איז אָהן אַ שלאָס...

1908.

*
*　*

עס האָט מיך דער הימעל מקנא געווען
אויף מיינע צוויי זונען, אויף מיינע צוויי אויגען;
עס האָט מיך מקנא געווען די זון
אויף די לויטערע הימלען, וואו איך בין געפלויגען.

עס האָט מיך מקנא געווען די ערד
אויף דעם, וואָס איך קוש איהרע קינדער, די זיסטע —
און ס'האָט מיר געזונגען פון קנאה אַ ליעד
די שמאַכטענדע, גליהענדע, זאַמדיגע וויסטע.

און גאָט האָט מיך אפשר מקנא געווען
אויף דעם מענשליכען גליק, וואָס ער האָט מיר בעשערט.
— מיין פריינד, אַז כ'וועל שטאַרבען האַלט ביי דיר מיין נשמה,
און מיין גוף גיב נישט איבער צו מיין שונא דער ערד.

ש. י. אימבער: רויזענבלעטער

אויף מיין קבר.

לעבענסקינד, זינג אויף מיין גרוב—איך הער, איך הער דיין געזאַנג.
רוף מיך ביים נאָמען און הויך, קוש מיך אין שטילסטען געדאַנק.
זעץ דיך אַנידער אין גראָז—גראָז איז דאָך דאָ אויף מיין גרוב —
און טראַכט, אַז צווישען טויזענד האָב איך אויך דיך געהאַט ליעב.

צו די שעהנע.

און האָט איהר מיך געמאַכט צו זאַמד און שטויב,
איהר שעהנע, וואָס געזונגען כ'האָב אַייך לויב —
עס וואונדערט מיך נישט און עס שעהמט מין' נישט,
און לאַכען פון מיר מענשען, בין איך טויב.
מיר איז גענוג, איך האָב אַייך לאַנג געקושט
ביז ס'האָט די פלאַם פערברענט מיין האַרץ אויף שטויב;
מיר איז גענוג, מיין זעעל איז ווי אַ טויב,
וואָס האָט אין שטויב די פיס אַייך ריין געקושט.
און פליהט צו רויטער פלאַם די ווייסע טויב —
עס וואונדערט מיך נישט און עס שעהמט מיך נישט.
אָ שעהנע, כ'וויל אין גאַנצען ווערען אַייער שטויב!
די שענסטע קינדער זאָלען שפּיעלען אין מיין שטויב!

* *
*

אָ גאָט, דו האָסט געזעהן מיין זעעלע
אין זינדיגע מינוטען אָפט —
דו ווייסט פאַר וואָס כ'האָב אָפט פאַר זינדען
גן-עדן-לוין פון דיר ערהאָפט.

°°°○◯○°°°

ד ר י ט ע ס ב ו ך:

שטעגען, ווענגען, דער ליעב' אקעגען

(1908–1910)

וואַכע טרוימען

1.

געדענקסטו, ווען כ׳האָב דיך געזעהען
צום ערשטען, צום גליקליכען מאָל?
געווען איז עס ערגיץ אין דרויסען,
געווען איז אַ ליכטיגע נאַכט.

עס האָבען געקוקט די בעקאַנטע
אויף זיך, און אויף דיר, און אויף מיר —
און איך האָב געקוקט נאָר אויף דיר בלויז,
און דו האָסט גערעדט און געלאַכט.

איך האָב דיך געקושט מיט די אויגען,
מיין האַרציג בלוט האָט דיך געבענשט —
און דו האָסט געצויגען, געצויגען
אַ מעשה פון איינעם אַ מענש:

—„דער מענש ער פלעג היילען מיט ד׳אויגען,
געוואוסט האָבען ווינציג אין לאַנד...״
און שטיל, אין דעם שאָטען פערבאָרגען
האָט מיך געפונען דיין האַנד.

2.

דיינע אויגען קושען, קושען —
דיינע אויגען גלעטען, גלעטען —
דיינע אויגען, דיינע אויגען,
עפּיס ווילען זיי און בעטען.

דיינע אויגען — טיעפע ברונען,
ברונען טיעפע, ברונען שטילע...
כ׳האָב אין זיי מיין בילד דערזעהען —
לאָז מיך, לאָז מיך זאָגען תפילה.

כ׳האָב אין זיי מיין בילד דערזעהען,
כ׳בין נאָך יונג און פריש און פרעהליך!
קום, מיין בילד — איך וועל דיך קושען
נאָר פּאַמעליך, נאָר פּאַמעליך...

דיינע אויגען לאַכען, לאַכען —
דיינע אויגען, דיינע אויגען!
מיינע וועהטוגען, ווי טויבען
זענען פון מיר אָבגעפלויגען.

3.

לעג איך מיך אין אַייזענבעטעל
שפעט ביי נאַכט און גאַנץ אַליין,
לאַכען צו מיר מיינע שויבען
מיט דיין פענסטערס נאָהנטער שיין.

נאָכדעם מאַך איך צו די אויגען—
דאַכט זיך מיר, אַז דו ביסט דאָ;
און מיט צוגעמאַכטע אויגען
שלאָף איך נישט אַ גאַנצע שעה.

און דיין האַנד, די מוטערווייכע
שלעפט מיך איין און דעקט מיך צו —
אויס מיין בענקשאַפט בליהען רויזען,
און זיי שמעקען גלייך ווי דו— — —

4.

וועסט דיך אויפחאַפּען פון שלאָף,
און וועסט אויסשטרעקען די האַנד,
און וועסט טרעפען אויף דער וואַנד,
און וועסט וויינען ווי אַ קינד.

דעמאָלט וועל איך זיין ביי דיר,
גלייב מיר, קינד, כ׳וועל זיין ביי דיר;
כאָטש די נאַכט וועט שוואַרץ זיין, שוואַרץ —
רויט וועט לייכטען דיר מיין האַרץ.

ס׳איז מיין האַרץ אַ שטילס, אַ שטילס,
און אַ שעמעוודיגס ביי טאָג —
נאָר די נאַכט צעגליהט עס רויט,
ווען עס הערט זיך קינדער-קלאָג.

5.

איך רוף דיך אין נעכט פון חלומות,
אין שטילע, פערסוד׳עטע נעכט,
דו קינד מיט די אויגען ווי ימ׳ען,
ווי ימ׳ען, פערסוד׳עט און שטיל.

איך קוש דיך און רוף דיך ביים נאָמען
מיט ליעבשאַפט אַזויפיעל און גוטס,
אַזוי ווי אַן אייגענע מאַמע
רופט ליעב ביי דעם נאָמען איהר קינד.

איך עפען די ליפּען צום רעדען,
דאָך שווייג איך און רעד נישט קיין וואָרט —
מיר געהען אין נעכט פון חלומות
פערחלומטערהייט האַנד אין האַנד.

דו האָסט מיין נשמה געזעהען,
דיין אויג איז דאָך טיעף ווי דער ים —
און אַלץ, וואָס איך קוש עס אַם שטילסטען
שווימט אום אין די אויגען ביי דיר.

6.

מיין אויג בעגלייט די זון —
אַ שאָטען געהט, און פאַלט —
אַ שאָטען פאַלט, און ליעגט —
און דו האָסט מיך פערוויעגט...

איך בין אַ קינד וואָס לאַכט,
און האָט אין אויג אַ טרעהר...
דו האָסט אַ האַנד ווי זייד —
מיין ווייגען איז שוין ווייט...

ווען האָב איך דען געוויינט?
דאָך נישט ביי דיר — אַ ניין?
עס האָט דיך נאָר געבראַכט
פון ווייטען מיין געוויין...

7.

אַ שוואַרצע נאַכט, אַ פינסטערע
האָט אײַנגעשלונגען אַלץ —
אָ קום צו מיר, אָ קום צו מיר,
און נעם אַרום מײַן האַלז.

מײַן מאַמע האָט מיך נישט געקושט
שוין זינט אַ גאַנצען יאָהר —
אָ קום צו מיר, אָ קום צו מיר,
און קוש מיך אויף די האָר.

און פלעכט אַרום מיט דײַנע הענד
מײַן קאָפּ, ווי מיט אַ קרוין —
מיר וועט זיך נאָכדעם חלומען
אַ קייזער מיט אַ קרוין...

8.

היימיש איז ביי אונז אין שטוב —
פיהלסטו, ווי ס'איז היימיש?
ליעב האָב איך דיך, האַרציג ליעב,
און די נאַכט מאַכט טריימיש.

אויף דײַן האַנד האָב איך געלעהנט
מײַן געגלעטען שטערען—
מײַנע הענד און דײַנע הענד
קייטעלט איין בעגעהרען.

מיינע הענד און דיינע הענד,
אוי ווי זיס זיי ברענען!
ווי די שאָטען אויף די ווענד
זעעל אָן זעעל זיך לעהנען.

ווי די שאָטען אויף די ווענד...
קינד — נאָך וואָס דאָס טראַכטען?
זעליג גליהען אונז די הענד,
און די אויגען לייכטען!

און די נאַכט, מיין ליעב, מיין ליעב —
זעה, זי ווינקט אונז טריימיש...
היימיש איז ביי אונז אין שטוב —
פיהלסטו, ווי ס'איז היימיש? — — —

9.

דאָס איז עס, דאָס ליעדעל,
איך פלעג עס דאָך הערען,
ווען ס'האָט מיך מיין מאַמע
געוויעגט.
אַך, דאָס איז דאָס ליעדעל,
דיינע אויגען — איך קען זיי:
מיין מאַמע, מיין מאַמע
ביסט דו.

איך זעה דאָך, איך זעה דאָך —
אָך, ווייך איז דיין הענטעל —
דאָך גליה נישט, צעגליה נישט
מיין קאָפּ;

לאָז רוהען, לאָז רוהען,
אוי מאַמעניו מיינע,
לאָז רוהען בשלום
דיין קינד.

10.

מיין שטיל געוויין האָסט דו געהערט,
איך ווייס, איך ווייס עס וואויל.
דו האָסט געזעהן די שטילע פלאַם,
וואָס ברענט מיין האַרץ אויף קויהל.

אין מיטען שלאָף האָב איך געפיהלט
דיך נאָהענט ביי מיין בעט —
האָסט דו דעם שטערען מיר געגלעט?
געקושט די שוואַרצע האָר?

איך האָב געוויינט אין מיטען שלאָף,
אָהן ווערטער זיך געקלאָגט...
אַ ניין? — איך בין נישט שלעכט אַזוי,
ווי עמיץ האָט געזאָגט...

11.

אַ ווייסענקער נעבעל פערציהט זיך אין הימעל,
דער בלאָהענקער הימעל אין נעבלען זיך הילט —
מיין ווייסע מחשבה בעקושט דיינע אויגען,
די בלאָהענקע אויגען, מיט טרוימען געפילט.

די בלאָהענקע אויגען, מיט טרוימען פערנעבעלט,
זיי זאָגען מיר גוטס און זיי זאָגען מיר שלעכטס —
און קומסטו אַמאָל אויף דעם וועג צו מיין האַרצען,
דערהערט זיך פון האַרצען אַ ליעד מיט אַ קרעכץ.

און קומסטו אַמאָל אויף דעם וועג צו מיין האַרצען,
און קוקסטו אַריין דורך דער ליכטיגער שויב —
דערזעהסטו: אין פלאַמען געהט־אויף מיין נשמה,
ווי דיר אַ געמקריב׳טע, ווייסענקע טויב.

12.

מיין ליעד וועסטו אפשר נישט לעזען,
טאָ הער־זשע כאָטש אויס נאָר דעם נגון —
איך וועל דיר אַ מעשה דערצעהלען,
די מעשה איז גוט צום פערוויעגען.

איך וועל דיר אַ מעשה דערצעהלען —
אַמאָל איז געווען אַ בן־מלך;
ר׳האָט ווייט פון זיין פראַכטלאַנד געוואָגעלט,
געבלוטיגט פאַמעלעך, פאַמעלעך...

ר׳איז ווייט פון זיין פראַכטלאַנד געשטאָרבען,
און ליעגט אין דער פרעמד אָהן אַ נאָמען;
צו קאָפּענס — אַ שוואַרצע מצבה,
אין האַרצען — אַ גאָלדענער זאָמען.

נאָר איינמאָל אין יאָהר, קעגען אָבענד
צעוואַקסט זיך דער זאָמען אין בלומען,
וואָס בליהען נאָר ביז צו דעם מאָרגען,
און וועלקען, ווען טאָג איז געקומען.

און ווער ס'האָט די בלומען געזעהען,
און האָט זיי אין בליהען געריסען—
דעם וועלען פיעל נסים געשעהען,
דער וועט זיך פיעל סודות דערוויסען.

און ווער ס'האָט געלאָזט זיי פערוועלקען,
און האָט נישט בעהאַלטען חאָטש איינע—
ביי דעם וועלען וועלקען אין האַרצען
די בלומען די ריינסטע פון ריינע.

13.

די וואָלקען רויך צעשווימען,
דער צוג, ער אָטעמט שווער—
צו פריה איז ער געקומען
דורך נאַכט צו אונז אהער!

צו פריה איז ער געקומען
פערגיעסען מיר מיין בלוט!
ווען ס'קומט אונז אויס, זיך שיידען —
ביסט דו אַזוי מין גוט...

ווען ס'קומט אונז אויס, זיך שיידען,
פערגיעב איך דיר אַלצדינג—
די שווערסטע ווערטער דיינע,
זיי ווערען פאַר מיר גרינג.

דיין וואָרט, דאָס האַרטסטע, שווערסטע
מאַכט נאָך נישט אַזוי וואונד
און קראַנק אַזוי דאָס האַרץ מיר,
ווי בלויז דיין „זיי געזונד"!

14.

מיר האָבען זיך געטראָפען, קינד,
ביים סאַמע אָנהויב זומער —
געמיינט, עס וועט אונז שיידען ערשט
דער לעצטער, טיעפער שלומער.

און איצטער, ווען די רויז פערבליהט
אין אונזער שטילען גאָרטען,
פערלאָזען מיר דאָס קורצע גליק,
ווי שיפען צוויי דעם באָרטען.

נאָר דו שווימסט אָב מיט הויך געזאַנג,
פון ווילדען ים פערשייטער —
און איך שווים מיט אַ טרויערפלאַג,
און הער דיין ליעד אַלץ ווייטער.

נאָר דו געהסט ווי אַ גאָלדען שיף,
און שווימסט דער זון אַקעגען —
און איך שווים אין דער נאַכט אַריין,
און ווייס נישט מיינע וועגען.

15.

אין דעם גאָרטען וועל איך געהן,
כ'וועל מיך געהן געזעגענען
מיט דעם גליק, וואָס כ'וועל עס שוין
אפשר נישט בעגעגענען.

צו די בלומען װעל איך געהן,
צו די בלומען מיידעל-צאַרט,
כ׳װעל מיך געהן געזעגענען —
אוי זיי ווערען באַלד פערדאַרט.

צו די ערטער װעל איך געהן,
וואו כ׳פלעג בויען טרוימגעבייי —
אוי זיי ווערען באַלד בעדעקט
מיט אַ דעק פון קאַלטען שניי.

דער קיהלער הערבסט

אַ בריעף.

I.

אויפ׳ס וואָהר, איך האָב דיך ליעב, מיין קינד,
דיין פּנים׳ס בלייכקייט האָב איך ליעב.
דיין פּנים׳ס בלייכקייט מאַכט מיך טריב,
און מאַכט מיך גוט און אָהן אַ זינד.

מיין האַרץ, דיין שקלאַף, מיין האַרץ געדענקט
פון דיין געזיכט אַ יעדען צוג,
די ליפּענס גוטס, די אויגענס טאָג —
מיין האַרץ, דיין שקלאַף געדענקט און בענקט.

אויפ׳ס וואָהר, דו מאַכסט מיך צופיעל בלייך!
אויפ׳ס וואָהר, דו מאַכסט מיך צופיעל קראַנק!
איך האָב דיך ליעב, ווי מיין געדאַנק,
וואָס איז מיר זיס און מאַכט מיך בלייך.

און אָפּטמאָל דאַכט זיך מיר אויך אויס,
אַז מיין געדאַנק דער שטילסטער איז
פערבליבען נאָך ביי דיינע פיס —
דו שטילע, ווייסע, ווייטע רויז!

II.

דו שטילע, ווייסע, ווייטע רויז!
דו רויז פול זיסקייט און פול דופט!
דער שמערץ פון שיידען איז צו גרויס —
עס בענקט נאָך דיר מיין גאָרטענלופט.

עס בענקט נאָך דיר פון טאָג ביז נאַכט
מיין גרויסע, ווילדע גאָרטענפראַכט —
דער אַלטער, גוטער עפּעלבוים,
ער האָט דיך היינט געזעהן אין טרוים.

ער האָט דיך היינט אין טרוים געזעהן,
דו ביסט אַזוי מין בלייך געוועזן —
ער שיקט דיר גריסען אָהן אַ צאָהל!
און פון דער ווייטען שרייב אַמאָל.

III.

און פון דער ווייטען שרייב אַמאָל,
כ'וועל לעזען גערען דיינע בריעף;
ווילסט זייען דיינע ווערטער טיעף —
דאַן וואַרף זיי אין מיין האַרצענס טאָל.

מיין האַרץ איז איבערגוט צו דיר,
עס וועט בעהאַלטען יעדעס וואָרט —
און פאַר דיין שלעכטיגקייט פון פריהר
וועט זיין מיין האַרץ אַ הייליג אָרט.

מיין האַרץ איז רוהיג ווי אַ מת
און ליעגט פערוויעגט אין טויטע קלענג,
דאָך צעגער נישט צו וועקען עס —
איך לעב נאָר דעמאָלט, ווען איך בענק!

ערינערונג.

אוי קינד, דיינע אָרעמס — ווי זענען זיי וואַרעם!
ווי קאַלט איז דער גרוב, וואָס מיך וואַרט!
איך רוף דיך אין נעכט, ווען איך בענק נאָך דיין וואַרעם,
אין נעכט, ווען דאָס קישען ווערד האַרט.

צו ווייסט האָסטו, קינד, דאָס געצעלט דיינס געשלאָגען —
מיר זענען געוואָרען זיך פרעמד —
דאָך וואָלט איך נאַכט-נעכטליך, אַ שעה פאַר דעם טאָגען
געלאָפען צו דיר אין איין העמד!

נאַכט-נעכטליך, נאַכט-נעכטליך, אַ שעה פאַר דעם טאָגען
דערפיהל איך דעם טויט, ווי ער געהט!
עס רייסט זיך דאָס האַרץ מיינס צו דיר, צו מיין לעבען,
און וויינט ווי אַ הונד אויף דער קייט.

אוי ווסטו בעפרייען מיך ווען פון די קייטען?
דיין שטאָלץ איז ווי קייטען מיר האַרט!
אוי קינד מיינס, דיין האַרץ, וואָס פערברענט מיך פון ווייטען
איז קאַלט, ווי דער גרוב, וואָס מיך וואַרט.

אַ זיפֿץ.

וואַרעם מאַכען מיינע קושען
דאָס פּאַפּיער פון דיינע בריעף,
ריין פערוואַשען מיינע טרעהרען
פון דיין בריעף די שוואַרצע טינט —
ווען אַמאָל דערוואַרעמט ווערען
דיין פערפרוירען האַרץ, מיין קינד?
ווען אַמאָל דיין וואָרט פערווישען
כאָטש איין וואונד אין האַרץ מיר טיעף?

דיין בריעף האָב איך צעריסען...

דיין בריעף האָב איך צעריסען,
דיין בילד בעהאַלט איך מיר;
דיין בריעף טהוט מיר צו וויסען,
אַז אַלעס איז ווי פריהר...

דיין בריעף איז שעהן געשריבען,
דאָך שענער איז דיין בילד –
מיר וועלען זיך נאָך ליעבען,
מיין האַרץ איז דאָך פערהילט...

מיין האַרץ איז דאָך פערשוויגען,
עס וועט נישט זאָגען דיר,
אַז עס פערשטעהט דעם ליגען
אין יעדען וואָרט ביי דיר.

וועל איך קומען צו דיין שטיבעל...

וועל איך קומען צו דיין שטיבעל,
קלאַפּען אין דיין פענסטער שטיל —
קום, מיין לעבען, קום, מיין לעבען,
היינט די ראָסע איז נישט קיהל.

קום, מיין לעבען, ניטע שרעק זיך —
ס'האָט אַ סאָווע נאָר געלאַכט;
איך געדענק נאָך אַלטע וועגען
אין דעם טונקעל פון דער נאַכט.

„דו מיין האַרצליעב, ניטע ציטער"
וועל איך רעדען שטיל צו דיר —
„דו מיין האַרצליעב, דו מיין האַרצליעב,
אַלץ ווי פריהער, אַלץ ווי פריה'ר..."

און איך וועל דיר ליעדער זינגען,
און דו וועסט מיר קושען גע'ן;
וועט אַ טרעהר מיר אויך ענטפאַלען —
וועט דיין אויג דאָך נישט דערזעהן.

טרעהרענשיין

אין די נעכט אָהן שטערענשיין...

אין די נעכט אָהן שטערענשיין
גלאַנצען מיינע טרעהרען;
ווילסטו שטילען מיין געוויין,
מוזטו מיך דערהערען.

ווילסטו שטילען מיין געוויין,
ווילסטו, איך זאָל לאַכען —
מוזטו מיר ביי נאַכט אַליין
דיין טירעלע אויפמאַכען.

שטיל געוויין פערטראָגט דער ווינד,
העל איז מיין געלעכטער —
און די שוואַרצע נאַכט, מיין קינד,
איז אַ בלינדער וועכטער...

זעה, אַ שטערען איז געפלויגען...

זעה, אַ שטערען איז געפלויגען —
שטערען זענען דיינע אויגען.
דיינע אויגען וועלען בלייכען,
ווי די שטערען אין די הייכען.

הער, אַ ווינד האָט זיך דערהויבען,
וויל די פאַרב פון רויזען רויבען —
דיינע ליפּען זענען בלומען,
ס'וועט אויף זיי דער ווינטער קומען.

ס'האָט דער ווינד דאָס גראָז דערשראָקען —
גראָזען זענען דיינע לאָקען;
דיינע לאָקען וועלען וויאַנען,
ווי די גראָזען אויף די לאַנען.

וויאנען וועלען אייכענשטאַמען,
ווינען פאַר דער ערד, דער מאַמען —
נאָר דיין האַרץ וועט נישט ערווייכען,
ס'איז נאָך שטאָלצער פון די אייכען.

איך ווייס, דײַן אויג...

איך ווייס, דיין אויג, עס בענקט געהיים,
געהיים נאָך מיינע פלאַמען,
ווי דער בלאָהער הימעל בענקט
נאָך דעם סוד פון ים׳ען.

ווי דער הימעל שיקט צום ים
זיינע רעגענבויגען,
אַזוי שפּאַרסטו אָן אויף מיר
דיינע זיסע אויגען.

ווי דער רעגענבויגען בלייבט
אויף דער פלאַך פון אויבען,
אַזוי וועסטו מיר מיין סוד
קיינמאָל, קיינמאָל רויבען.

אַרום דײַן האַלז...

אַרום דיין האַלז, אַרום דיין ברוסט
האָב איך אַ קראַנץ געפלאָכטען,
אַ קראַנץ פון מיינע אָרעמס הייס —
ווי האָט דיין אויג געלאָכטען!

ווי האָט געלאָכטען אין דער נאַכט
דיין אויג דאָס פייערפולע!
איך האָב אַ קרבן דיר געבראַכט,
מיין האַרץ דאָס טויבענשטילע.

איך האָב אַ קרבן דיר געבראַכט,
דיין אויג האָט זיס געלאָכטען!
מיין האַרץ, די טויב, מיין האַרץ, די טויב
האָט זיך אַליין געשחט'ען.

* *
*

האָסט מיך שטיל אַרומגענומען,
דאַכט זיך מיר, איך פיהל מיין מאַמען. —
מאַמע מיינע, זיי מיר מוחל
אין מיין אויג די פייערפלאַמען.

צוויי שטורעמס.

טרוימען מיינע, ווייסע טויבען, אויף דער הייסער זון געפיטערט!
כ'האָב אַ גאַנצען טאָג געהלומט, און אין חלום זיס געציטערט.
כ'האָב געמיינט, אַז דו וועסט קומען, ווען דער לעצטער שטראַהל פער-
ציטערט —
דאָך ווי נאָר ס'איז נאַכט געוואָרען האָט אַ שטורעם זיך צעוויטערט.
צווישען ביימער ווינדגעבויגען, צווישען וואָלקען בליצבעפליטערט
איז געפלויגען מיין נשמה און געפלאַטערט און געציטערט.

ביסט געקומען נאָכ'ן שטורעם, ווען דער לעצטער בליץ פערציטערט —
און אַ צווייטער גרויסער שטורעם האָט זיך אין מיין האַרץ צעוויטערט!
ביסט געקומען נאָכ'ן שטורעם, און דו האָסט מיין האַרץ פערביטערט,
און דו האָסט מיין האַרץ דערציטערט מיט די אויגען בליצבעפליטערט.
פול מיט שרעק האָט מיין נשמה צווישען דיינע הענד געציטערט —
צווישען וואָלקען אויפ'ן הימעל האָט אַ שטערענדעל געציטערט.

די רויזען פאַר דיין פענסטער...

די רויזען פאַר דיין פענסטער,
זיי שעהמען זיך פאַר מיר.
וואָס שעהמען זיך די רויזען?
וואָס ווייסען זיי פון דיר?

וואָס שעהמען זיך די רויזען?
וואָס האָסטו זיי דערצעהלט?
צי האָסטו זיי געזונגען
פון דעם, וואָס דו האָסט דערוועהלט?

צי האָסטו זיי געפליסטערט
פון דעם, וואָס דו האָסט פעריאָגט —
און זיי האָבען זיך שטיל געוואונדערט,
און זיי האָבען איהם שטיל בעקלאָגט?

דער טאַטע און די מאַמע...

דער טאַטע און די מאַמע
שלאָפען שוין אין שטוב;
קום אַרויס, מיין לעבען,
קום אַרויס, מיין ליעב!

קום אַרויס, מיין לעבען,
כ'האָב דיר אָנגעגרייט
קייטעלעך פון שטראַהלען,
פון בלאַסען ליכט אַ קלייד.

קייטעלעך פון שטראַהלען
טון די שטערען שפּינען,
אין ליכט פון דער לבנה
וועסטו מיך געפינען.

אין ליכט פון דער לבנה,
אין בלייכען, בלאַסען ליכט
וועט דיך נישט דערשרעקען
מיין לייכענבלאַס געזיכט.

Library of Bureau of Jewish Education
Cleveland, Ohio

סערענאַדע.

די נאַכט ליעגט אויף די גאַסען —
דו שלאָפסט, און איך בין וואַך.
אין שטערענשיין דעם בלאַסען
קום איך דעם שלאָף דיר רויבען —
מיך רופען דיינע שויבען
מיט אַ געהיימער שפּראַך.

די שויבען דיינע ווינקען,
דער נאַכטווינד פליסטערט שטיל.
אין זיסען שלאָף פערזונקען,
מיט זיסען דופט אומגעבען,
דאָרט רוהסט דו איצט, מיין לעבען,
מיין לעבענס ביטער שפּיעל!

דו האָסט געזאָלט מיר לאָזען
דאָס פענסטער אויפגעמאַכט —
די טיר נישט צוגעשלאָסען,
דאָס הארץ נישט איינגעשלאָפען,
די אָרעמס הייס און אָפען
אַ גאַנצע, גאַנצע נאַכט!

איך פריוו דיין טיר, דיין פענסטער —
פערמאַכט, פערמאַכט פאַר מיר!
מיין טרוים, מיין טרוים דער שענסטער
מוז שווינדען אָהן אַ צייכען,
ביז ס'וועט די נאַכט פערבלייכען
פאַר בענקעניש אָהן שיעור.

ביז ס'וועט די נאַכט פערבלאַסען
איז טיר און פענסטער צו — — — —
די נאַכט ליעגט אויף די גאַסען,
די נאַכט ליעגט אין מיין האַרצען —
מיך טראָגען מיינע שמאַרצען
איך ווייס אַליין נישט, וואו — — — —

כאָטש איינמאָל בעוויז דיך אין פענסטער...

כאָטש איינמאָל בעוויז דיך אין פענסטער,
כאָטש איינמאָל בעוויז דיך, מיין קינד!
דיין וואָרט וועט זיין ביטער, דאָס ווייס איך —
דאָך זיס איז דיין פנים, מיין קינד.

די ווערטער, די ביטערע ווערטער,
זיי האָבען ביי דיר אַזאַ חן,
אַז ליעבער איז מיר פון געלעכטער
דורך דיינעם אַ וואָרט מיין געוויין.

און ליעב איז מיר, גלויב מיר, מיין טרויער,
מיין איינזאַמער טרויער דורך דיר.
חאָטש איינמאָל בעוויז דיך אין פענסטער —
און טרייב מיך אַוועק פון דיין טיר...

אָבענדליעדער.

I.

אין אָבענד פון דעם טאָג,
ביים זונענאונטערגאַנג,
דאַן זינקט מיין האַרצענס וואָג,
דאַן בין איך דאָפּעלט קראַנק.

דאַן זינקט מיין האַרצענס וואָג,
דאַן שטייגט מיר הויך דער שמאַרץ –
אין אָבענד פון דעם טאָג
צעוויינט זיך שטיל מיין האַרץ.

צעוויינט זיך שטיל מיין האַרץ...
אָ מעג איך קומען – זאָג –
ווען וויינען וועט מיין האַרץ,
ווען שטאַרבען וועט דער טאָג?

II.

ווען שטאַרבען וועט דער טאָג
און פאַרבען זיך אין בלוט,
דאַן ברענג איך דיר מיין גלוט,
דאַן קלאָג איך דיר מיין קלאָג.

מיין גלוט – אַ ווילדע פלאַם,
זי וועט דיך מאַכען מיעד...
מיין קלאָג – אַ גרויסער ים
וועט זינגען דיר אַ ליעד.

מיין האַרץ, מיין טרויריג האַרץ,
מיין האַרץ, די ווייכע וויעג
וועט וויעגען זיך אין שמאַרץ
און אָטעמען דיין בליק.

III.

און אָטעמען דיין בליק,
און אָטעמען דיין הויך! —
מיין האַרץ די ווייכע וויעג,
עס איז אַ קבר אויך.

כ׳האָב אויסגעוויעגט דאָס גליק
אין האַרץ, אין האַרץ ביי מיר,
און האָב בעגראָבען עס
וואו כ׳האָב געוויעגט עס פריהר.

מיין האַרץ, די וויעג — איז לעער,
מיין האַרץ, דאָס קבר — פול!
מיין האַרצענס בלוט איז שווער —
עס מאַכט דעם קאָפּ מיר דול!

IV.

אָ זעה, וואָס האָסט געמאַכט!
אָ זעה, אָ זעה אַליין!
איך קום צו דיר און וויין —
און כ׳האָב דאָך ווענס געלאַכט!

כ׳פלעג לאַכען זילבערהעל,
ביז כ׳האָב דאָס גליק פערלאַכט
אויף יענער זייט פון שוועל,
אין יענער לעצטער נאַכט.

ביז כ׳האָב די פרייד פערניינט
אין יענער לעצטער נאַכט,
װען איך האָב הויך געוויינט,
און דו האָסט הויך געלאַכט.

און ווידער דיין פענסטער...

און ווידער דיין פענסטער! עס רייבט מיר די אויגען!
און ווידער ציעהט-צו מיך דיין טיר!
אַ שוואַרצער געדאַנק איז אין קאָפּ מיר געפלויגען —
ווער איז דאָרט אין צימער ביי דיר?

איך בין דאָ געגאַנגען אַ שטילער, אַ טריבער,
אַ טריבער, דאָך ביז צו'ן אַ שיעור...
איצט איז מיר מיין טרויער די ברעגען אַריבער —
ווער איז דאָרט אין צימער ביי דיר?

צוויי שאָטענס בעוועגען זיך אויף די גאַרדינען,
בעוועגען זיך, קושען זיך שיער...
איך גליה און איך ציטער! איך וויל זיין דער דריטער,
דער דריטער אין צימער ביי דיר!

אָ עפען, אָ עפען — אָ זאָל איך נישט פאַרבען
מיט בלוט פון מיין האַרצען דיין טיר!
איך וועל נישט מעהר וויינען — כ'וועל לאַכען און שטאַרבען
און שטאַרבען אין צימער ביי דיר.

האָב איך מיך געוואַגט צו קומען...

האָב איך מיך געוואָגט צו קומען,
ליובעניו, צו דיר;
מיט אַ וועהטוג, מיט אַ שטומען
אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אָנגעקלאַפּט אין פענסטערלאָדען —
עפען-זשע מיר אויף!
ס׳איז נאָך ליכטיג הינטער׳ן לאָדען –
עפען-זשע מיר אויף!

ס׳איז נאָך ליכטיג הינטער׳ן לאָדען,
עפען-זשע און הער –
כ׳האָב אין טרעהרען מיך געבאָדען,
כ׳האָב שוין נישט קיין טרעהר.

כ׳האָב שוין נישט קיין טרעהר אין ד׳אויגען
און קיין ליכט אין בליק –
עה דו געהסט דיך שלאָפען לייגען,
טו אויף מיר אַ קוק.

איידער דו געהסט שלאָפען, ליובע,
זיץ מיט מיר אַ ווייל;
קאָנסטו טויטען — טויט מיך, ליובע!
קאָנסטו היילען — הייל!

פריהלינג און הערבסט.

זענען מיר געגאַנגען
אין גאָרטען און אין פעלד,
די בלומען און די זאַנגען,
זיי האָבען נאָך געפעהלט —
מיט הערצער פול פערלאַנגען,
פון האָפנונגען בעזעעלט
זענען מיר געגאַנגען
אין גאָרטען און אין פעלד.

זענען מיר געגאַנגען
אין גאָרטען און אין פעלד,
די בלומען און די זאַנגען
זיי האָבען שוין געפעהלט —
דער שמערץ האָט אונז געפאַנגען,
מיט אויגען טרעהרפערשטעלט
זענען מיר געגאַנגען
אין גאָרטען און אין פעלד.

אָבשיידסליעדער.

I.

כ׳האָב לאַנג געוואַרט, כ׳האָב לאַנג געוואַכט,
מיין אויג איז מיעד און פאַלט שוין צו,
מיין האַרץ איז שוואַרצער פון דער נאַכט,
פערבערענט מיין האַרץ אויף קויהל האָסט דו.

מיין האַרץ אויף קויהל האָסט דו פערבערענט,
און האָסט פערלאָשען מיר דעם טאָג —
אָ זעה, איך לעג אין דיינע הענד
די לעצטע טרעהר, וואָס איך פערמאָג.

די לעצטע טרעהר, די לעצטע טרעהר —
צי איז זי הייס? צי איז זי שווער?
צי איז זי הייס — צי איז זי קאַלט?
אָ ווייסטו, וויפיעל זי איז אַלט?

II.

דו ווייסט, ווי אַלט מיין טרעהר איז היינט?
אָ נישט אַ יאָהר, נישט צוויי, נישט דריי —
ז׳איז מיט אַן אייביגקייט פעראייגט,
דאָך זעה, ווי גלאַנצט זי שפּאָגעל-ניי...

דאָס איז דאָס טרויריגע דאַביי,
וואָס אייביג גלאַנצט אַ טרעהר און שיינט,
ווי לאַנג מען האָט זי נישט געוויינט,
ווי לאַנג מען מאַכט זי נאָר נישט פריי.

דאָך, ווייל מען מאַכען ס׳האַרץ פערשטיינט —
מוז זיין די לעצטע טרעהר געוויינט.
די טרעהר צעגליהט זיך דאַן ווי בליי —
דאָס איז דאָס טרויריגע דאַביי.

III.

און טרויריגער פון אַלץ איז דאָס,
וואָס כ׳האָב נאָך זיסקייט לאַנג בעגעהרט.
דאָס זיסקייט וואַלגערט זיך אויף ערד,
און שטעכט דאָס לייב ווי שפּיציג גלאָז.

פון זיסקייט האָב איך פיעל געקלערט,
און האָב געהאַט נאָר ווינציג-וואָס;
כ׳האָב אָנגעפילט פאַר מיר אַ מאָס —
דאָך האָב איך קיינמאָל זי געלעערט.

היינט איז מיין טראַכטען ווי אַ בלאָז —
אַ ביטער וואָרט איז מיר בעשערט:
דאָס זיסקייט וואַלגערט זיך אויף ערד...
— — — — — — — —
און כ׳גיעס אַרויס מיין פולע מאָס.

IV.

און כ׳זאָג מיך אָב פון אַל דעם גליק
וואָס כ׳האָב געקלערט צו רויבען מיר,
ווען אָפען נאָר וועט זיין דיין טיר,
ווען גוט פאַר מיר וועט זיין דיין בליק...

און כ׳זאָג מיך אָפּ פון אַל דעם גוטס,
וואָס האָט מיט האָפנונג מיך געגלעט,
און וויין געמאַכט מיר ס׳האַרטע בעט — — —
וואָס איז דאַפון דען גאָר די נוץ?

און ס׳שעהמט מיך אויך די ווילדע גלוט,
וואָס האָט געוואוינט ביי מיר אין בלוט,
און דורכגעשוועקט און דורכגעטרענקט
דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב דורך דיר געבענקט.

V.

דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב דורך דיר געבענקט,
דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב דורך דיר געטראַכט
אין בלייכע טעג, אין שוואַרצער נאַכט,
האָב איך אַצונד דיר אָבגעבראַכט.

אין בלייכע טעג, אין שוואַרצע נעכט
האָב איך צו דיר מיין האַרץ פערקנעכט —
איך ברענג דיר אָב דאָס דאָרן-געפלעכט,
וואָס האָט מיין האַרץ געבונדען ענג.

די דערנער אויף דער וואַנד צעהענג,
דיין קאָפּ צו-הויך, דיין בעט צו-לענג,
און דעם, וואָס האָט זיי דיר געבראַכט
פון צייט צו צייט געדענק, געדענק.

VI.

און זיי מיר מוחל פאַר דער צייט,
וואָס כ׳האָב דיך מיעד געמאַכט און מאַט —
איך ווייס, דו האָסט קיין רוה געהאַט,
כאָטש כ׳האָב געוויינט נאָר שטילערהייט.

און זיי מיר מוחל פאַר דעם טרוים,
וואָס כ׳האָב געשפּונען אַרום דיר...
אַ שפּין געוועזען בין איך פריהר!
דאָך היינט געדענקט זיך מיר עס קוים.

און זיי מיר מוחל אויך פאַר דאָס,
וואָס כ׳האָב מיך צו דיר צוגעזעללט
אין מיטען וועג, אין מיטען פעלד
צו שיטען פאַר דיר שפּיציג גלאָז...

VII.

אין מיטען פעלד, וועג-אויס, וועג-אַיין,
ביי זונענליכט, לבנה-שיין,
בין איך געגאַנגען דיינע טריט,
האָב איך דיין פוסענטריט געהיט.

דיין יעדען טריט האָב איך געהיט,
דאָך אפשר האָט אין מיר געגליהט
די זיסע זינד, די זיסע זינד —
דו ביסט דאָך מעהרער, ווי אַ קינד...

איך האָב געוואָלט אַ זון דיר זיין,
וואָס לאָזט נישט בלאָנזען, לעשט זיך נישט —
און בין דיין שאָטען נאָר געוועזן,
און האָב דיר נאָר די פיס געקושט.

א בריעף.

I

ליובע מיינע, הונדערט וועגען
ציהען זיך אין פעלד!
ווי וועסט דו מיר געהן אַקעגען?
לעבען מיינס, מיין וועלט!

ווי וועסט דו מיר געהן אַקעגען? —
ווייסט דאָך נישט דעם וועג...
ועמען וועסטו אויף מיר פרעגען? —
אוי נישט פרעג, נישט פרעג.

מיינע וועגען ווייסט נישט קיינער —
וועט מען ווייזען שלעכט...
און דו וועסט אומזיסטיג בלאָנזען
לאַנגע טעג און נעכט.

II.

זיץ אין שטוב און קוק אַרויס,
גרייט מיר אָן אַ ווייסע רויז,
גרייט אָן דערנער רויטצעבליהטע,
גרייט אָן דערנער רויזענגרויס.

טו אַזוי אַ יעדען טאָג,
טו אַזוי און וואַרט אויף מיר —
פלעכט אַ קראַנץ פון בלומען־מתים,
און מיט דערנער זיי בעציער.

וועל איך קומען, וועל איך זעהן:
ווייסע רויזען, וואָס פערגעהן
זענען דיינע זיסבעשמעקטע,
דיינע ווייסע הענד געוועז.

און איך וועל דיר ווייזען: זעה —
דערנער זענען מיינע טעג,
וואָס איך האָב אַריינגעפלאָכטען
אין דעם קראַנץ פון דיינע הענד.

•◦◦○○○◦◦◦

וואַנדערער־שמערץ

זינגערלענד.

אוי טאַטע, דו פלעגסט ביי דער האַנד מיך צו פיהרען!
אוי מאַמע, פלעגסט קושען דיין קינד!
היינט איז מיר בעשערט צווישען וועגען צו אירען,
און ס׳קושט מיך אין פעלד נאָר דער ווינד.

אוי מאַמע, דו פלעגסט מיט אַ ליעד מיך פערוויעגען
ווען ס׳האָט מיך פערמאַטערט דאָס שפּיעל —
היינט האָב איך פערגעסען דיין וויעגענליעד-נגון,
נגונים, זיי האָב איך היינט פיעל.

מיט הונדערטער ליעדער די וועלט צו דורכאיילען
געביעט מיר מיין וועלטגרויסער שמאַרץ!
געחלום׳ט האָב איך אַמאָל הערצער צו היילען —
היינט קרענק איך אַליין אויפ׳ן האַרץ.

אוי מאַמע, דיין קינד האָט די וועגען פערלוירען,
און בענקט פון דער פרעמד, פון דער ווייט!
אוי מאַמע, דיין זוהן איז אַ זינגער געבוירען
פאַר קאַלטע, נישטפיהלענדע לייט!

דו האָסט מיר געהייסען...

דו האָסט מיר געהייסען, געהייסען מיר געהן,
דו האָסט נישט פערשטאַנען מיין האַרציג געוויין,
דו האָסט נישט פערשטאַנען מיין האַרציגע קלאָג,
דו האָסט מיך פערשעהמט פאַר דעם ליכטיגען טאָג.

אין מיטען דעם טאָג, ווען די זון האָט געשיינט,
האָב איך מיינע אויגען מיר פינסטער געוויינט —
איך האָב שוין די זון נישט געזעהען דערנאָך;
אין וועג איז פערגאַנגען אַ וואָך נאָך אַ וואָך.

און אויף מיינע וועגען האָב איך דיך געזעהן,
כאָטש דו ביסט פון ווייטען, פון ווייטען געוועזן;
און אויף מיינע וועגען האָט מיר זיך געדאַכט,
אַז ערגיץ פון ווייטען דיין ליעבע ערוואַכט.

און פון מיינע וועגען, וואָס פיהרען דורך נאַכט,
האָב איך דיר, מיין ליובע, אַן אנדענק געבראַכט —
איך האָב דיר געבראַכט פון דעם ווייטען וועג מיט
אַ שנירעל פון טרעהרען, אַ סטעננגע פון בלוט.

לעבען און טויט.

אין דיינע קליינע הענד האָב איך פערטרויט
מיין הארץ מיט זיין געשריי און מיט זיין סוד;
מיין הארצענס הויך געשריי האָסט דו דערשטיקט,
מיין הארצענס סוד ביי דיינע פיס היינט ליעגט —
דו האָסט ארויסגעלאָזט איהם פון די הענד —
ער איז געוועזען שווער און גליהענדיג צעברענט.

אין דיינע קליינע הענד האָב איך פערטרויט
מיין לעבענס גרויסען נס, מיין וויין און ברויט;
מיין ברויט האָסט דו צעברעקעלט און צעשטיקט,
דער בעכער פון מיין וויין צעבראָכען ליעגט —
דו האָסט ארויסגעלאָזט איהם פון די הענד —
קרישטאָל איז ער געווען און האָט דיין אויג געבלענדט.

אין דיינע קליינע הענד האָב איך פערטרויט
דאָס לעבען מיינס און אויך מיין גוטען טויט;
מיין לעבען האָסט דו פון דיר אָבגערוקט,
און נאָר מיין טויט אין דיינע הענד נאָך ליעגט —
אין דיינע קליינע, ווייכע, זיסע הענד —
אָ זיס וועט זיין דער טאָג, ווען קומען וועט מיין ענד!

כ׳האָב בעזונגען דיינע אויגען...

כ׳האָב בעזונגען דיינע אויגען,
כ׳האָב בעזונגען דיינע האָר,
כ׳האָב מיך נאָך דיר נאָכגעצויגען
נישט אַ חודש, נישט אַ יאָהר,
כ׳האָב אין ליעדער דיך בעשריבען,
און דו האָסט געשמייכעלט נאָר —
און מיר זענען זיך געבליבען
נישט קיין שונאים, נישט קיין פּאָר.

האָסט מיר אָפּטמאָל זיס געוואונקען,
האָסט מיך אָפּט געקרענקט מיט רייד;
כ׳האָב מיט טרעהרען דיך בעטרונקען
און מיט שטראַהלען דיך בעקליידט;
האָסט מיין ליעד מיט פרייד געלעזען
גוטערהייט, צי שלעכטערהייט —
און מיר זענען זיך געוועזען
נישט צו נאָהנט און נישט צו ווייט.

גלייב מיר, ס׳וועט אַ צייט נאָך קומען,
ס׳וועט אונז ביידע ווערען באַנג —
שטאַרבען וועלען דיינע בלומען,
און פערשטומען מיין געזאַנג;
און מיר וועלען ביידע בענקען
נאָך דעם קורצען ליעבעסגאַנג,
און מיר וועלען זיך געדענקען
שרעקליך לאַנג — אַ לעבען לאַנג.

און נאָך די טעג...

און נאָך די טעג פון קינדערשפּיעלען,
פון טרינקען גאַל און זינגען זיס,
וועל איך אין טרויער מיך פערהילען
פון קאָפּ ביז פיס, פון קאָפּ ביז פיס.

וועל איך אין טרויער מיך פערהילען,
ווייל נאָר דער טרויער פּאַסט מיר גוט —
ביי אַלע, אַלע מיינע שפּיעלען
וויינט שטיל און פיעל מיין האַרצענס בלוט.

עס וויינט מיין האַרצענס בלוט און טרויערט,
עס איז איהם ענג, עס איז איהם טריב —
איך האָב אין האַרץ אריינגעמויערט
די חורבה-שטיינער פון דיין ליעב׳.

דו הערסט מיינע ווערטער...

דו הערסט מיינע ווערטער — בעהאַלטסטו די ווערטער?
דו לעזט מיינע ליעדער — דאָך גלייבסטו מיר אַלץ?
צי לאַכסטו נישט דאָרט אין דער טיעף פון דיין הארצען? —
איך וויס דאָך, דיין האַרץ איז אַ קלוגס און אַ קאַלטס.

געדעכט ביסטו אפשר. ס'איז אפשר צום לאַכען.
איך וועל מעהר נישט רעדען פון מיר און פון דיר.
מיר וויסען דאָך — שלעכטע און טרויריגע זאַכען
דערצעהלט מען ווי מעשות, ווי מעשות פון פריהר.

און דאָס, וואָס איך בין היינט פון בענקען פערמאַטערט,
און דאָס, וואָס איך בין היינט פון ליעבע טויט-קראַנק —
איך וועל עס דערצעהלען אַזוי ווי אַ מעשה:
אַמאָל איז געוועזען... אַמאָל — שוין גאַנץ לאַנג...

בעהאַלט מײַנע ליעדער...

בעהאַלט מיינע ליעדער, און לעז זיי נישט היינט,
און לעז זיי נישט מאָרגען, און נישט נאָך אַ יאָהר,
ערשט שפּעטער מיט יאָהרען, מיט יאָהרען אַ סך
נעם, זוך אין מיין ליעד פון דיין יוגענד די שפּור.

געפינסט דאַן דיין שעהנקייט, וואָס איז שוין פערבליהט,
פערצויבערט אין קלאַנגען ביי מיר אין דעם ליעד,
אַזוי ווי דער הימעל געפינט זיך אין טייך
נאָך רעגענטעג לאַנגע, נאָך שטורעמס אַ סך.

און גלייך ווי פון צאָרניגע וואָלקען די שפּור
פערבלייבט אין אַ פעלזען אויף אייביגע יאָהר,
אַזוי וועט פערבלייבען דיין שלעכטקייט פון פריהר
ווי שפּורען פון בליצען אין האַרצען ביי מיר.

מיין האַרץ איז אַ פעלזען, פערלאָזען און ווילד,
דו ביסט אַ געוויטער, וואָס איז שוין געשטילט —
וועסט ליי׳נען מיין ליעד, וועסטו הערען צו שפּעט
די קלאָג פון מיין האַרצען, מיין ודוי־געבעט.

דער טאָג איז אַ טריבער געוועזן ...

דער טאָג איז אַ טריבער געוועזן,
דאָס האַרץ האָט געבענקט נאָך דער נאַכט —
איך האָב מיינע ליעדער געלעזן,
זיי האָבען די נאַכט מיר געבראַכט.

איך האָב מיינע ליעדער געלעזן
— עס טרעפט, איך פערגעס זיי אַמאָל —
אוי ליעדער, איהר זענט מיר געוועזן
ווי מעסערען שאַרפע פון שטאָהל!

איהר האָט מיר געשטאָכען די אויגען,
און האָט מיך געשטאָכען אין האַרץ...
די ווייסע פּאַפּיערענע בויגען,
זיי האָבען געהילט מיך אין שוואַרץ.

האַרצשרעק.

מיטביידע הענד נעם איך אַרום
מיין האַרץ, די שטילע טויב;
ווי אַ שוואַרצער אָדלער הענגט די נאַכט,
און קרעכצט, און לעכצט נאָך רויב.

ווי אַ שוואַרצער אָדלער הענגט זי בייז,
די הונגעריגע נאַכט!
דער טאָג איז געוועזען צופיעל הייס,
מיין האַרץ האָט צו הויך געלאַכט.

מיין האַרץ, מיין האַרץ, די שטילע טויב,
וואָס האָט צו הויך געלאַכט
איז געפעלען אַזוי שטאַרק
דער הונגעריגער נאַכט...

פערגעס...

פערגעס, פערגעס די בלויע אויגען,
פערגעס, פערגעס די ווייכע האָר —
דער הימעל איז רייגער פון יענע אויגען,
דאָס גראָז איז ווייכער פון יענע האָר.

פערגעס, פערגעס די רויטע ליפען,
פערגעס, פערגעס די ווייסע הענד —
דיין בלוט איז רויטער פון יענע ליפען,
דיין בלוט, וואָס קלעבט אויף יענע הענד.

פערגעס, פערגעס, וואָס עס ווערד פערפלויגען!
איבער דיין גרוב וועט לאַכען קלאָר
אַ בלויער הימעל, ווי בלויע אויגען,
און גראָז וועט דופטען, ווי זיסע האָר.

שמערצליכע רוה.

עס שלאָפען די קינדערלעך מיינע —
די ליעבע, די בענקשאַפט, דער וועה;
אוי קינדערלעך איינציגע מיינע,
מיין האַרץ איז צעבראָכען דורך זיי.

אוי קינדערלעך מיעדענקע, קראַנקע —
שלאָפט, שלאָפט, איהר זענט זיכער בעוואַכט;
זכרונות, ווי מעסערען בלאַנקע,
זיי האָבען פון שלאָף מיך געבראַכט.

זכרונות, ווי מעסערען שאַרפע,
זיי שניידען זיך אַיין אין מיין ברוסט;
אָ האַרץ מיינס, פערבלוטיגטע האַרפע,
אָ וויין נישט, אָ וויין נישט אומזיסט.

אָ האַרץ, איך צעשנייד דיינע סטרונעס —
נישט וועק מיינע קראַנקע פון שלאָף;
עס שלאָפען די קינדערלעך מיינע,
און קרעכצען אַזוי פון דעם שלאָף.

ווינטער.

אַרום מיר איז ווינטער, און ווינטער איז אין מיר,
און אין מיין האַרץ שטעהן אַלע טירען אָפען —
דורך אַלע זענען מיינע פריינד אַנטלאָפען,
דורך אַלע קומט די האַרטע קעלט צו מיר.

אַרום מיר איז פינסטער, און פינסטער איז אין מיר —
וואו איז דער גאָט, וואָס כ'האָב זיין ליכט געטראָפען
אין עמיצס אויג? אָ שווערע ליעבעס-שטראָפען!
אין זיינע הימלען לאַכט מיין גאָט פון מיר.

אַרום מיר איז שרעקליך, און שרעקליך איז אין מיר —
מיין האַרץ איז מיעד, איז מיעד און קאָן נישט שלאָפען,
מיין האַרץ, עס האָפט — און ווייסט, עס טאָר נישט האָפען,
מיין האַרץ, עס גלייבט — און שטאַרבט אָהן גלויבען שיער!

אַ בריעף צו אַ פריינד.

דו פרעגסט, וואָס הערט זיך דאָ אין שטאָדט —
ס׳איז וויעדער דאָ דער זומער!
די זון, זי ברענט, די זון, זי בראָט —
נאָר איך פערפריער אין קומער.

אַמאָל וועט אפשר בעסער זיין,
אַמאָל — ווער קאָן עס וויסען?
דאָך ניין — איך מיין, כ׳בלייב גאַנץ אַליין,
אַ בלאַט, פון ווינד געריסען.

*　　*

און וויטער וואָס? קיין נייעס מעהר —
(דעם בריעף זאָלסט דו פערברענען)
זאָלסט קומען ווען צו מיר אַהער,
דו וועסט מיך ניט דערקענען;

צי געהט מיר גוט? צי געהט מיר שלעכט? —
וואָס ווייסט אַ קינד אין וויעגעל?
דאָך ס׳טרעפען טעג און ס׳טרעפען נעכט,
ווען כ׳שרעק מיך פאַר דעם שפּיעגעל.

*　　*

און ווייטער וואָס? איך שרייב מיט בלוט:
(דעם בריעף זאָלסט דו צררייסען —)
אויף פרעמדע בעטען שלאָפט זיך ניט,
און פרעמדע כּלבים בייסען;

דאָך ביז אַ צייט פערטראָג איך זיי
אַ שטילער און אַ שטומער!
היינט איז די צייט פון הינדגעשריי...
ס'איז זומער, פריינד, ס'איז זומער!

* *

אודאי טוט מיר וועה דאָס האַרץ
אויף מיינע יונגע יאָהרען;
איך זעה, די ערד טוט אויס איהר שוואַרץ,
ז'איז ווידער גרין געוואָרען!

די שוואַרצע ערד האָט זיך בעניית,
די ביימער טראָגען בלעטער —
נאָר איך לעג אָב מיין זומערצייט
אויף שפּעטער אַלץ, אויף שפּעטער.

אייביגעס בליהען.

די רויז אויף דעם שטענגעל,
די ליעבע אין הארץ,
זיי בליהען, זיי וועלקען —
היינט בליהט מיר דער שמארץ.

און וועט אויך פערוועלקען
דער שמארץ פון מיין ליעב׳,
דאן בליהען, דאן בליהען
די בלומען אויף מיין גרוב.

ש. י. אימבער: רויזענבלעטער

נאָך אַ בריעף.

I.

היינט האָב איך געצעהלט מיינע נאַרבען
אין האַרצען, אין האַרצען גאָר טיעף;
היינט האָב איך געטראַכט וועגען שטאַרבען,
מיין פריינד, און איך שרייב דיר אַ בריעף.

דער טויט איז בעשטענדיג אויף לויער
— אַזוי האָב איך, ברודער, געקלערט —
עס איז נישט קיין שרעק און קיין טרויער,
מיר זענען דאָך זיהן פון דער ערד.

דאָך שרעקט מיך די צייט פון מיין שטאַרבען,
עס שרעקט מיך דער טויט, ווען איך טראַכט:
ער וועט מיינע ליפען ענטפאַרבען,
ער וועט מיך בעפאַלען ביי נאַכט;

ער וועט מיר מיין פיהלען פערבייטען,
און קאַלט וועט מיר ווערען און שוואַרץ —
און דו ביסט פון ווייטען, פון ווייטען,
מיין פריינד מיט דעם וואַרעמסטען האַרץ!

II.

איך לעג מיינע הענד אויף די שעה'ן,
און צעהל זיי, און ווייס נישט קיין צאָהל...
און — ווייסטו — איך האָף נאָך צו גראָהען,
מיין פריינד, וואָס דו קושסט מיך אַמאָל.

און – ווייסטו – איך האָף נאָך צו גראָהען,
דאָך נאָכדעם מוז קומען דער טויט...
איך לעג מיינע הענד אויף די שעה׳ן –
און וואַרט אויף דעם קומען פון טויט.

III.

און אַז איך וועל שטאַרבען, מיין ברודער,
און אַז איך וועל שטאַרבען, מיין פריינד,
קלויב אויף מיינע קלינגענדע ליעדער,
קלויב אויף מיינע ליעדער פון היינט.

און דרוק אין אַ בוך אָהן אַ נאָמען
די ליעדער, וואָס ליי׳נען זיך גרינג –
פערקויף מיינע ביכער, די בלומען
צו יענע, וואָס זענען נאָך יונג.

פערקויף מיינע בלומען, די ביכער,
און שטעל מיר אַ פשוטען שטיין –
דאַן וועט ער פערוואַקסען וואָס גיכער,
און רוהיג וועט זיין מיין געביין.

וואַנדערער־שמערץ.

מיין בלוט פערגיעסט זיך טראָפּענווייז,
און פאַלט און פאַלט צו דר׳ערד,
און מישט זיך מיט דעם גאַסענשטויב —
אַזוי איז מיר בעשערט.

איך געה דעם וועג, און וויס, ער פיהרט
נישט דאָרט, וואו כ׳האָב בעגעהרט;
און וואו בעגעהרט כ׳האָב — וויס איך נישט...
אַזוי איז מיר בעשערט.

עס פליהט דער שטויב צום הימעל אויף,
און פאַלט צוריק צו דר׳ערד...
עס רוהט נישט מיין פערגאָסען בלוט —
אַזוי איז מיר בעשערט.

°°OOO°°

פערנאַרבט

ווינטער אין גאָרטען.

I.

דער גאָרטען איז אָפען,
קום לאָ׳מיר אַריינגעהן,
דאָס טירעל פון גאָרטען בעוועגט זיך אין ווינד.
דאָס טירעל פון גאָרטען
איז גלייך ווי דאָס האַרץ מיינס,
דאָס האַרץ מיינס איז ציט׳ריג, ווי ס׳האַרץ פון אַ קינד.

קום, לאָמיר אַריינגעהן,
כ׳וועל זוכען די וועגען,
וואו כ׳האָב מיט די אויגען געקושט דיינע טריט —
די וועגען פון ליעבע,
די וועגען פון טרויער,
די וועגען, די וועגען, וואָס זענען פערשיט.

ווער ווייסט, צי מיר וועלען
דערקענען די וועגען —
אַ שניי איז געפאַלען היינט נאַכט אויף דער וועלט,
דאָס טירעל פון גאָרטען,
עס ציטערט און פלאַטערט,
ווי ס׳פלאַטערט אַ קינדערשעס הערצעל פאַר קעלט.

קום, לאָמיר אַריינגעהן,
פערמאַכען דאָס טירעל,
און בלייבען אין גאָרטען ביז אָבענד, ביז נאַכט —
און לאָמיר צוזאַמען
דערמאנען דעם פריהלינג,
וואָס האָט אין דעם האַרץ ביי אונז ווינטער געמאַכט.

II.

דער גאָרטען איז אָפּען,
ער שטעהט ווי דערשראָקען,
עס שרעקט איהם דער ווינד מיט זיין קאַלטען געוויעג;
מיין גאָרטען, מיין גאָרטען,
צו מיר איז דער ווינטער
געקומען מיט לאַנגע חדשים צוריק...

מיין גאָרטען, מיין גאָרטען,
איך וועל דיך בעשיצען,
פערמאַכען, פערריגלען וועל איך דיר דיין טיר —
עס זאָלען נישט קומען
קיין פרעמדע דאָ בלאָנזען
און טרעטען דעם שניי אויף די וועגען ביי דיר.

דאָך ווער וועט בעשיצען
דעם שניי פון מיין זעעלע,
עס זאָלען קיין פרעמדע נישט טרעטען איהם שוואַרץ?
מיין גאָרטען, מיין גאָרטען,
דאָך ווער וועט בעשיצען
מיין האַרץ, דאָס דערשראָקענע, קינדישע האַרץ?

און אַז עס וועט נאָכדעם
דיך וועקען דער פריהלינג,
מיין גאָרטען, מיין גאָרטען, דאַן מאַך איך דיך אויף —
דאָך ווער וועט מיין האַרצטיר
נאָך פריוזען צו עפ׳נען?—
מיין ווינטער פערגעהט נישט און האָט נישט קיין סוף...

III.

אין גאָרטען איז שטילער,
מיר שטעהען און שווייגען,
דאָס טירעל פערשלאָסען, עס קרעכצט שוין נישט מעהר;
דער ווינד נאָר, ער סוד׳עט זיך
אַלץ מיט די צווייגען —
ווער ווייסט, וואָס ער זאָגט זיי... זיי בייגען זיך שווער...

און איצטער, מיין לעבען,
קום, לאָ׳מיר זיך זעצען
אָט דאָ אויף דער באַנק, אויף דער שטיינערנער באַנק.
ז׳איז נאָס פון דעם שניי? —
זאָל דיר דאַכטען, ס׳איז טרעהרען —
דו ביסט דאָך צו טרעהרען געוועהנט שוין פון לאַנג.

לאָז דאַכטען, ס׳איז טרעהרען...
וואָס אַרען דיך טרעהרען?
דו האָסט דיך געבאָדען, געבאָדען אין זיי.
יאָ אמת — די זענען
צו קאַלט און פערפרוירען...
ס׳איז טרעהרען פון ווינטער... טאָ שטעה-זשע דיר, שטעה...

איך אָבער, איך זעץ מיך —
כ׳פערגראָב מיך אין שנייען —
אין שטוב, צי אין דרויסען, קאַלט איז מיר אַלצאיינס...
קום נעהנטער, קום נעהנטער,
און הער מיך אַ ווײַלע —
אַ מעשה׳לע וועל איך דערצעהלען אַ קליינס: —

IV.

אַמאָל איז געווען
אַ טויב מיט אַ טייבעל,
אַ פּאָר, וואָס פלעגט קיינמאָל פון ליעבע זיין זאַט!
מיט ווייסענקע פליגעל,
מיט ליכטיגע אויגען –
דאָך האָבען די טויבען קיין נעסט נישט געהאַט.

אַ פּאָר ווילדע טויבען,
אַ פּאָר פרייע טויבען,
דאָך האָבען די טויבען געבענקט נאָך אַ נעסט!
אַ נעסט טיעף אין וועלדער,
וואו ס'גליק ליעגט בעהאַלטען,
וואו צווייגעל צו צווייגעל מיט ליעבשאַפט זיך פרעסט.

אַ וואַלד איז געווען
אַ טיעפער, געדיכטער,
די טויבען זיי האָבען געפונען דעם וואַלד;
אַ נעסט איז געווען
אין וואַלד וואו פערבאָרגען,
פערלאָזען פון פייגעל, און חרוב, און קאַלט.

עס האָבען די טויבען
דאָס נעסטעל דערוואַרעמט,
פערריכט און בענייט און מיט פוך אויסגעבעט!
און זיס געהאָלובעט זיך
האָבען די טויבען
פון מאָרגען גאַנץ פריה ביז אין אָבענד גאַנץ שפעט.

דאָך איינמאָל — די זון
האָט געגאָסען מיט פייער —
האָט איינע פון זיי צו דער זון זיך פערבענקט!
פערלאָזען דאָס נעסטעל,
פערלאָזען דאָס טייבעל,
די פליגעל צעשפרייט און ווייט-ווייט זיי געלענקט.

געפלויגען, געפלויגען
אַלץ ווייטער, אַלץ העכער,
וואָס העכער — אַלץ קעלטער... וואָס ווייטער — מעהר מיעד...
געפלויגען, געפלויגען,
ביז נאַכט איז געוואָרען,
ביז נאַכטישע בענקשאַפט אין טויבענהאַרץ ציהט...

אַזוי איז עס תמיד:
דו בענקסט נאָך אַן אָברוה,
און קושסט יעדען שטיין ביי דעם וועג, וואָס דו זעהסט...
דאָך באַלד גליסט זיך פליהען
צו הימלען, צו זונען —
און פליהט מען צום הימעל, דאַן ציהט עס צום נעסט...

און ווען אויף צומאָרגענס
די טויב איז געקומען
צוריק צו דעם טייבעל, פול בענקשאַפט און וועה —
האָט זי שוין אין נעסטעל
קיין אָרט נישט געפונען,
עס האָבען אין נעסט שוין געפונען זיך צוויי...

— — — — — — — — — —

V.

דאָס וואָרט איז פערקלונגען.
דאָס וואָרט איז אַ מערדער —
עס קומט צו דעם האַרץ מיט אַ מעסער אין האַנד.
דאָס וואָרט איז פערקלונגען —
בערוהיג דיך, קינד מיינס,
אָט זענען מיר וויעדער דאָךביידע ביינאַנד.

אָט שטעהסטו דאָך וויעדער
ביי מיר, ביי דיין גוטען,
ביי מיר, ביי דיין אַלטען, דיין זיכערען פריינד;
דיין האַנד איז אין מיינער,
מיין אויג איז אין דיינעם —
וואָס האָסטו דיך פּלוצים מיט טרעהרען צעוויינט?

די מעשה איז ליגען!
די מעשה איז נאַריש!
אַ טויב האָט נאָך קיינמאָל די צווייטע פערלאָזט —
אַ טייבעל האָט קיינמאָל
די טרייהייט געבראָכען —
מיין וואָרט איז געשליפען און קאַלט ווי דער פראָסט.

די מעשה איז ליגען...
דאָך קלינגט זי ווי אמת...
דער שמערץ האָט געשליפען דאָס וואָרט, וואָס איך רעד —
געדענקסטו דעם אָבענד,
ווען איך האָב געטראָפען
דעם צווייטען, דעם צווייטען אין שטוב ביי דיר שפּעט?

VI.

די זון איז פערשוואונדען,
די ווינטערדיג-טריבע,
פערשוואונדען אין אומעט, פערשוואונדען אין פיין.
אויף שטערענס פון זקנים,
אויף שפיצען פון ביימער
צעגליהט זיך איהר לעצטער, איהר בלוטיגער שיין.

עס וויינען די ביימער
מיט פראָסטיגע טרעהרען
און שעפטשען מחילות דער זון און דער ערד —
מחילות דער זון
פאַר איהר פאַלשקייט אים ווינטער,
מחילות דער ערד פאַר דעם זאַפט, וואָס זי ווערט.

אַמאָל וועל איך טרויריג
אין זונענשיין שטעהען,
און וויסען, אַז כ׳וועל מעהר נישט זעהען די זון —
און בענשען די ליעבע,
און בענשען די וועהען,
און בענשען דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט מיר געטון.

VII.

עס וויינען די ביימער,
מיר שטעהען און שווייגען,
דאָס בלוט רינט ווי טרעהרען אין האַרצען ביי מיר.
דיין קאָפּ איז געבויגען,
איך זעה דיינע אויגען —
עס עפענט זיך שטיל פון מיין האַרצען די טיר...

עס וויינען די ביימער,
און ערגעץ אויף ביימער
אַ פויגעל אַ קראַנקער צעגיעסט זיך אין קלאָג.
אַ ווינד ריהרט די צווייגען,
צו דר׳ערד פאַלט דער פויגעל —
ער וועט שוין נישט זעהען דעם מאָרגיגען טאָג.

אויך דו וועסט אַ מאָל
פון דעם לעבענסבוים פאַלען,
מיין פייגעלע אָרימס, מיין פייגעלע קליינס.
אויף יענער זייט לעבען
וועל איך דיר פערגעבען —
אָ זינדענפול, וואונדענפול פייגעלע מיינס!

אַ בלעטעל מחשבות.

...איך האָב מיך דערמאנט אָן דער צייט פון מיין יוגענד,
דער צייט פון מיין יוגענד, וואָס איז שוין פערגאַנגען,
וואָס איז שוין פערגאַנגען נאָך איידער געבליהט ס׳האָט
די בלום פון מיין שטילסטען, מיין זיסטען פערלאַנגען;
איך האָב מיך דערמאַנט אָן דער צייט פון מיין יוגענד —
זכרונות, זיי קאָנען צום וויעגעל דערלאַנגען.

אָ מיינע זכרונות! איהר זאָלט אַייך נישט שעהמען
צו קומען צו מיר און נדבות מיר געבען...
איך דעק צו די אויגען, וועו כ׳נעהם די נדבות,
און מיינע מחשבות פערשוועבען, פערשוועבען...
אָ מיינע זכרונות, איהר זאָלט אַייך נישט שעהמען
מיט היינטיגע אָרימע טעג פון מיין לעבען.

איך האָב מיך דערמאנט אָן דער צייט פון מיין יוגענד,
איך האָב מיך דערמאנט אָן אַ זומער, אַן אַלטען —
דער זומער, ער האָט זיך ביי מיר אין זכרון
אַזוי ווי אַ גאָלדענער פאָדעם דערהאַלטען,
אַ גאָלדענער פאָדעם, וואָס בינדט מיינע יאָהרען
צום ליכטיגען עבר, צום עבר׳ס געשטאַלטען.

איך האָב מיך דערמאנט. אין אַ גאָרטען געשפּיעלט זיך
האָב איך מיט חברים און חבר׳טעס קליינע —
חברים מיט הערצער, ווי גינגאָלד געפריוועטע,
און חבר׳טעס גוטע מיט אויגען נאָך ריינע...
חברים ווי ברידער, און חבר׳טעס — שוועסטער,
און איינע פון זיי איז געוועזען אַ שעהנע.

און איינע פון זיי איז געווען אַ שעהנע...
אַזוי איז דער אָנהויב פון מעשות, וואָס גלאַנצען,
פון מעשות, וואָס גלאַנצען ווי זייפענע בלאָזען
און ווערען צערונען אינגאַנצען, אינגאַנצען...
...און איינע פון זיי איז געווען אַ שעהנע — —
איהר זעהט, ווי זכרונות בעלעבען זיך, טאַנצען?

איהר זעהט, ווי זכרונות בעלעבען זיך, שוועבען
צום הימעל פון זיסע, אמאָליגע גליקען?
...און איינע פון זיי איז געווען אַ שעהנע,
מיט שוואַרצענקע אויגען און ליכטיגע בליקען!
מיט בליקען ווי זיידענע, ריינע געוועבען,
מיט וועלכע זי פלעג אין די זומערטעג שטיקען

די ציערליכסטע בלומען אויף ווייכענקען סאַמעט...
און פלעג זי מיר ווען מיט דעם סאַמעט בעדעקען
די הענד, צי די אויגען — דאַן פלעגט מיך וואָס גלעטען,
און ס'האָט זיך אין האַרצען גענומען וואָס וועקען...
די ציערליכע בלומען אויף ווייכענקען סאַמעט,
זיי פלעגען נאָך מעהר ווי די אמת'ע שמעקען...

און איינמאָל, געדענק איך, ווען איך בין געזעסען
אַליין מיט מיין שעהנער, און ס'האָט זיך געשפּיעגעלט
די זון אין דעם שפּיעגעל ביי איהר אין די אויגען
און האָט איהר מיט שטראַהלען די פלעכטען בעזיעגעלט,
דאַן האָב איך געעפענט איהר צאַפּעלדיג הערצעל —
בעהאַלטען זיך דאָרט, און דאָס טירעל פערריגעלט.

איך האָב דאַן געעפענט איהר צאַפּעלדיג הערצעל
מיט ווערטער, וואָס קינדער נאָר קאָנען פערמאָגען —
איך האָב איהר דערצעהלט, ווי איך זעה זי אין חלום,

און ווי כ׳האָב מיך לאַנג עס געשעהמט איהר צו זאָגען;
און אַז איך וואָלט וועלען אַוועק מיט איהר פאָהרען,
אַוועק ערגיץ ווייט, אין אַ גאָלדענעם וואָגען.

אין גאָלדענעם וואָגען מיר ביידע געאָרעמט,
מיר וואָלטען געפאָהרען, געפאָהרען, געפאָהרען —
און טאַטע און מאַמע, זיי וואָלטען אונז זוכען
און וואָלטען מיט רענדלעך געצאָהלט פאַר די שפּורען —
דאָך אונז וואָלט אַ מלאך געפיהרט איבער וועגען,
אויף וועלכע ס׳וואָלט קיינער אונז פאַנגען נישט טאָרען.

דאָך אונז וואָלט אַ מלאך בעגלייט איבער וועגען,
וואָס פיהרען דורך דערנער — צום וועג, וואָס איז זיכער,
צום וועג וואָס איז זיכער, און פולט אָן מיט שרעקען,
וואו טעג ווערד פון יאָהרען, און ס׳האַרץ שלאָגט אַלץ גיכער,
וואו ס׳מעסט זיך די צייט נאָך דעם קלאָפּען פון האַרצען —
דער וועג הייסט: די ליעבע... אַזוי שטעהט אין ביכער...

אַזוי שטעהט אין ביכער בעשריבען די ליעבע:
אַ וועג צווישען פעלדער, אַ וועג צווישען זאַנגען,
אַ וועג, וואו אין שטויב קאָן אַמאָל זיך צעבליהען
די בלום פון די הימלישע, ריינסטע פערלאַנגען,
אַ וועג, וואו ס׳בעגעגענט זיך גאָט מיט די מענשען —
די ליעבע, זי קאָן צו דעם הימעל דערלאַנגען.

די ליעבע, זי קאָן צו דעם הימעל דערלאַנגען...
און אונזערע האָט דאַן דערלאַנגט צום גן-עדן...
צו יענעם גן-עדן, וואָס מאָלט זיך ביי קינדער
אַזוי ווי אַ גאָרטען, פערזונקען אין פריידען —
ביי קינדער מיט הערצער ווי דופטיגע פּירות,
מיט הערצער, נאָך קיינמאָל געשטאָכען פון ליידען.

אָ מיינע זכרונות! צי וועט מיר ווער גלויבען,
אַז כ'האָב אַמאָל גליק פון דער ליעבע געזויגען?
צי וועט מיר ווער גלויבען, אַז כ'האָב מיך דערהויבען
צום הימעל, ווען כ'בין מיט דער ליעבע געפלויגען?
אָ מיינע זכרונות, אָ ווייסענקע טויבען —
אָ זעהט, איך וויל ווינען, איך דעק צו די אויגען...

און איצטער אומרינגט מיך, און איצטער אומשוועבט מיך,
אָ מיינע זכרונות, אָ שנעעווייסע טויבען! —
אָ זעה — איהר בעלעבט אייך! אָ זעה — איהר בעלעבט מיך!
איהר בליהענדע גליקען, וועל איך אייך נאָך קלויבען? —
איך זעה אייך, ווי בלומען, פון ווינטער בעהאַלטען,
איך זעה אייך דורך ריינע, קרישטאָלענע שויבען...

איהר האָט אייך, איהר גליקען, פון מיר פערבעהאַלטען,
ווי בלומען אים ווינטער פון פרעסט און פון שנייען...
כ'בין איינזאַם געבליבען, אַזוי ווי די ווינטען,
וואָס היטען די חורבות פון שעהנע געביי׳ען...
אָ מלאך פון ליעבע, אָ וועסטו נאָך קומען
מיין גלויבען אָן גליקען אויפ׳ס ניי צו בענייען?

אָ מלאך פון ליעבע! — — אַ צייט איז געוועזען,
אַ זומער פול קינדהייט און קינדישע פריידען —
און איך מיט מיין שעהנער, מיר האָבען געחלומט,
אַז ערגיץ-וואו, ערגיץ-וואו ווארט אויף אונז ביידען
אַ זיסער גן-עדן פון הייליגער ליעבע —
מיר האָבען פערגעסען די שלאַנג פון גן-עדן...

איהר ווייסט, ווי אַ מעשה געדענקט זיך ביי קינדער? —
דאָס גוטע פערבלייבט אונטער האַרציגע טיר'רען —
דאָס שלעכטע פערגעסט זיך, ווייל ווערטער פון שלעכטען

זיי פליהען פאַרביי פאַר די קינדישע אויערען,
און פאַלען צו דר׳ערד ווי ענטוואָפּענטע ביענען,
און ווערען אין אייגענעם קאַלטקייט געפרוירען.

מיר האָבען געהערט שוין נישט איינמאָל די מעשה.
געהערט פון דעם טאַטען, געהערט פון דעם זיידען,
ווי ס׳האָט זיך מיט בלעטער פון זיסענקע פייגען
געמוזט די פערזינדיגטע שעהנקייט בעקליידען —
דאָך וואונדערליך זיס פלעגט אונז קלינגען די מעשה...
מיר האָבען פערגעסען די שלאַנג פון גן-עדן.

מיר האָבען פערגעסען... געדענקט האָבען אָבער
די טאַטעס און מאַמעס, די וואַכהאַפטע וועכטער...
דאָך שלעכט איז צו שטערען די ערשטע חלומות
פון בלייכענקע זיהן און פון שעהנענקע טעכטער...
זיי פאַלען דאַן מיעד אין דעם שלאָף פון דעם לעבען —
און חלומען זיי, איז דער חלום אַ שלעכטער...

די טאַטעס און מאַמעס, זיי האָבען געלויערט...
(וואָס ווייטער ווערד טריבער די מעשה און טריבער —
ווייל יונגענקע הערצער, וואָס ווערען געבוירערט
פון עלטערע בליקען, זיי גיסען זיך איבער...
דאָס שאַדט פאַר די הערצער...) דערפאַר האָט געדויערט
צו קורץ אונזער חלום, דער ריינער, דער ליעבער.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

און איהר, וואָס איהר לעזט דאָס, און ס׳וועט אייך געפעלען
איהר טאַטעס פון זיהן און איהר מוטערס פון טעכטער,
בעוואַכט נישט די טרוימען פון קינדערשע זעעלען,
די קינדערשע טרוימען בעדאַרפען קיין וועכטער!

זיי זענען דעם לעבענס-ים'ס זיכערסטע װעללען —
אַלץ איבריגע איז נאָר אַ חלום אַ שלעכטער.

— — — — — — — — — — — — — — —

צו קורץ האָט געשפּינט זיך דער טרוים פון מיין יוגענד —
און האַלב נאָך אַ קינד, האָט די רוה מיך פערלאָזען;
אַ בענקען האָט זיך אין מיין זעעלע דערהויבען
נאָך גליקען, װי זאָמען פון װינטען געבלאָזען,
װאָס הונדערט פערדאַרען, און הונדערט פערפוילען,
און הונדערט צעבליהען זיך צווישען די גראָזען...

נאָר מיינע חלומות פון היינט רופט איהר: זינדען...
איהר שרעקט מיט מיר אַייערע טרוימרייכע קינדער...
אָ, אַייערע קינדער, זיי װעלען פערגעבען
דעם טויזענדפאַך טרויריגען טרוימער און זינדער!
גלייך גרויס װי מיין זעעל זענען זייערע זעעלען,
און זייערע טרוימען, זיי זענען נישט מינדער.

אָ קינדער, איהר איינע קאָנט זינדען פערגעבען!
איהר װעט אויך מיין האַרצען פערגעבען די זינדען
פון קניהען פאַר געטער, װאָס קאָנען פערשװעבען,
פון טראַכטען נאָך גליקען, װאָס קאָנען פערשװינדען —
דאָס גליק, װאָס בעשיינט אומגעשטערט אונזער לעבען
מאַכט פויל, װי די אייביגע נאַכט מאַכט דעם בלינדען.

אָ בעסער אינגאַנצען צעשטערען די בריקען,
װאָס פיהרען צו װעגען געזיכערט און עבען!
די שווינדענדע טרוימען פון שווינדענדע גליקען,
דאָס זענען די שיפען אין ים פון דעם לעבען,
װאָס רייסען אונז אָב פון די רוהיגע ברעגען,
כדי אונז צו לערנען נאָך ברעגען צו שטרעבען.

אָ קינדער! איהר איינע קאָנט זינדען פערגעבען —
פערגיעט אַייער אייגענעם האַרצען די זינדען
פון שטענדיגען האָפען און שטענדיגען שטרעבען
נאָך גליקען, וואָס קאָנען פערשוועבען, פערשווינדען...
פערגיעט איהם אויך דאַן, ווען איהר זעהט, אַז עס טרענקט זיך
אויף אייביג, אויף אייביג אין לעבענס־ים׳ס אינדען...

אָ קינדער, אויב ס׳האָבען געוועקט אַייך שוין מענשען
פון טרוים פון דער יוגענד מיט גינגאָלד בעהאַפטען —
אָ קינדער, אויב ס׳האָט אַייער האַרץ שוין געטרונקען
דאָס בלוט פון דער ערד, איהרע ביטערע זאַפטען —
פערשלאָפט נישט! איך וועל אַייער לעבען נאָך בענשען
מיט מיינע חלומות און מיינע בענקשאַפטען.

אָ קינדער — איך ווינש אַייך נישט רוהיג צו שלאָפען,
נאָכדעם, ווי צעשטערט איז דער טרוים פון דער יוגענד!
איך ווינש אַייך דאָס אייביגע שטרעבען און האָפען
צו גליקען, וואָס זענען נישט קנעכט פון דער טוגענד...
ווייל פויל זענען קנעכט, און צו מילד אויף פערשפרעכען —
דאָס אמת׳ע גליק איז גאָר ווינציג צוזאָגענד.

פערשלאָפט נישט! און ביי די אומזיכערסטע שטעלען
אין ים פון דעם לעבען — שלעפט איין אַייער וועכטער...
און זעהט, ווי ער שמייכעלט, ווען ס׳ברויזען די וועללען —
עס חלומ׳ט זיך איהם אַייער קינדיש געלעכטער...
דאָס האַרץ, אַייער וועכטער אַ טרוים האָט אַ העלען —
אַלץ איבריגע איז נאָר אַ חלום אַ שלעכטער.

שטערנליעבע.

כ׳האָב געהערט שוין טויזענד מעשות,
כ׳האָב געהערט שוין טויזענד ליעדער,
כ׳האָב געצעהלט שוין טויזענד שטערן —
און איך בין אַ קינד שוין ווידער.

כ׳האָב געצעהלט שוין טויזענד שטערן,
און גערעדט מיט יעדען שטערן,
און געזונגען זיי די ליעדער,
וואָס נאָר שטערן מעגען הערן.

וואָס נאָר שטערן מעגען הערן
אין די נעכט פון לאַנגען וואַכען —
כ׳האָב געזונגען זיי די ליעדער
פון מיין שמערץ, דעם טויזענדפאַכען.

כ׳האָב דערצעהלט זיי מיינע ליידען,
כ׳האָב געזונגען די געזאַנגען —
ביז איך האָב מיך נישט דערקענט שוין,
ביז דער שמערץ איז מיר פערגאַנגען.

און אַז איך האָב אויפגעהויבען
צו דעם הימעל מיינע אויגען
איינמאָל אין אַ זומעראָבענד—
איז מיין טרויערליעד פערפלויגען

ווי אַ הויך פון מיינע ליפּען —
ווייט פערפלויגען און פערפאַלען,

און פערקלונגען אויף דעם ליכטוועג,
און פערוויקעלט זיך אין שטראַהלען.

און זינט דעמאָלט איז דער הימעל
מיר בעקאַנט, און נאָהנט, און טייער,
גלייך ווי אַייך די ערד דאָ אונטען,
און אַ יעדער שטויבוועג אַייער.

ווי אַ קינד און ווי אַן אלטער
רוה איך פון די פיעל געזאַנגען,
זינט דער הימעל האָט מיין ערדליעד,
ס׳ערדענטרויערליעד געפאַנגען.

זינט דער זומעראָבענד־הימעל
האָט מיין זינגען אויפגענומען,
זינגט זיך מיר א ליעד, אַן איינציגס,
כ׳האָב עס פון דער הויך בעקומען.

כ׳האָב עס פון דער הויך פערנומען,
דאָרטען זינגען עס די שטערען —
ס׳וועט דאָס ליעד אויף דר׳ערד נאָך אפשר
שטיל אַמאָל געזונגען ווערען.

ס׳איז אַ ליעד, וואָס זינגט פון ליעבע,
נאָר אָהן שווערען און אָהן טרעהרען.
ס׳וועט דאָס ליעד אויף דר׳ערד נאָך אפשר
שטיל אַמאָל געזונגען ווערען.

פון דעם מאָנדס, דעם בלאַסען טרוימערס
אייביגליכען זון־בעגעהרען —
ס׳וועט דאָס ליעד אויף דר׳ערד נאָך אפשר
שטיל אַמאָל געזונגען ווערען.

ש. י. אימבער: רויזענבלעטער

I.

מעכטיג איז שוין יענער ווינד,
וואָס דערפליהט אַזש ביז די שטערען!
וואָס אַזאַ מין ווינד דערצעהלט,
מעג מען הערען, מעג מען הערען!

וואָס אַזאַ מין ווינד דערצעהלט
מעג מען גלויבען, מעג מען גלויבען!
ער דערצעהלט פון כוואַליעס ליכט
ערגיץ אויבען, ערגיץ אויבען...

ערגיץ אויבען, ערגיץ הויך,
וואו עס העלפט נישט גאָר דאָס קוקען,
טוט אַ שטערען איבער שטערען
אין אַ ים פון ליכט זיך טוקען.

מעכטיג איז שוין יענער ווינד,
וואָס פליהט איבער טויזענד שטערען!
אָבער פאַר דעם שטערען זון
מוז ער זיך צוריק אומקעהרען.

אָבער פאַר דעם שטערען זון
הערט דער שטאַרקסטער ווינד אויף וועהען...
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
זון, דו שטערען פול מיט ליכט —
וועלען מיר דיך ווען דערזעהען?

* *

ליכטיג איז שוין יענער שטראַהל,
וואָס פערבלענדעט אַזש די שטערען!

וואָס אַזאָלכער שטראַהל דערצעהלט,
מעג מען הערען, מעג מען הערען...

וואָס אַזאָלכער שטראַהל דערצעהלט
מעג מען גלויבען, מעג מען גלויבען...
ער דערצעהלט פון קוואַללען ליכט
דאָרטען אויבען, דאָרטען אויבען...

דאָרטען אויבען. דאָרטען הויך
שווימט די זון אין שטראַהלענקוואַללען —
אַזש עס איז צו ענג פון גליק
פאַר די שוואַכסטע פון די שטראַהלען!

און זיי רייסען זיך אַוועק —
שוואַך, דאָס גליק צו איבערשטעהען...

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

זון, דו העלע, העלע זון —
וועלען מיר דיך ווען דערזעהען?

* *

הייליג איז שוין יענעס ליעד,
וואָס דערשווימט אַזש צו די שטערען...
וואָס אַזאַ מין ליעד בעזינגט,
מעג מען הערען, מעג מען הערען!

וואָס אַזאַ מין ליעד בעווייזט
מוז מען גלויבען, מוז מען גלויבען—
עס בעווייזט אַ האַרץ, וואָס ליעבט
יענע ווייטע זון פון אויבען.

דאָרטען אויבען, דאָרטען הויך
וואוינט אַ ליכט, וואָס רויבט דעם פריעדען,
רויבט די פריידען און די רוה,
בלוט און טרעהרען מאַכט עס זיעדען...

בלוט און טרעהרען נאָגט עס אויס,
שטראַהלט מיט שפּאָט און שטראַהלט מיט וועהען...
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
זון – דו וואונדערשרעקען, אוי,
וועלען מיר דיך ווען דערזעהען?

II.

פון די שטערען זעהט נאָר איינער
יעדען טאָג די ווייטע זון.
ס'איז דער שטערען מ אָ נ ד, דער ריינער,
ער נאָר זעהט די ווייטע זון.

פאָראויס געהט ער פאַר די שטערען
און ער קומט נאָך צו דער צייט,
ווען די זון פערגעהט אין מערב,
אין דער רויטגעפאַרבטער זייט.

ווען די זון פערגעהט אין מערב,
וואַרפט זי שטיל אַ גוטען בליק
אויף דעם גרויסען זילבערשטערען –
און ער ווייסט, זי קומט צוריק...

און ער ווייסט, זי וועט זיך פאַרבען
ביים צוריקקעהר אַזוי שעהן,
אַז ער וועט פאַר בענקשאַפט שטאַרבען,
אַז ער וועט פאַר שמערץ פערגעהן...

III.

אין דעם טאָג פון דעם בעשאַפען,
ווען דער מאָנד האָט ערשט דערזעהן
פון דער זון די פייערבליקען,
פון דער זון דעם שטראַהלען-חן —
האָט ער זיך געמאַכט צום שקלאַפען
אין זיין האַרצען צו דער זון,
און געוואָלט זיך נידריג בוקען
פאַר דער טיעפגעליעבטער זון.

אין דעם טאָג פון דעם בעשאַפען
איז די זון געשטאַנען ווייט
אויף דער מזרח-זייט פון הימעל,
און דער מאָנד אין מערב-זייט...
האָט דער מאָנד געוואָלט דערשווימען
צו דער זון, צו איהרע פיס,
און פערגעהען דאָרט פאַר ליעבשאַפט,
און פערפלאַמען וואונדערזיס.

האָט דער מאָנד געוואָלט דערשווימען—
דאָך ער האָט זיך נישט גערירט,
ווייל גאָט האָט דעם מאָנד בעשאַפען
צו די שטערען פאַר אַ הירט.
און ער האָט אַ ראָד דערזעהען,
אָהן אַן אָנהויב, אָהן אַן ענד —
און ער האָט גענומען געהען,
ווייל ער האָט זיין וועג דערקענט...

IV.

אין דעם טאָג פון דעם בעשאַפען
האָט די זון אַזוי געברענט,
אַז זי האָט פון גאָט די אויגען
שיער פערלאָכטען, שיער פערבלענדט...

אין דעם טאָג פון דעם בעשאַפען
האָט די זון דעם מאָנד בעשענקט
מיט אַ שטראַהל, וואָס הייסט געדענקען,
און דער מאָנד געדענקט, געדענקט...

ער געדענקט דעם טאָג, דעם ערשטען,
כאָטש ער איז שוין לאַנג אַוועק,
כאָטש ער האָט נישט מעהר געגעבען,
ווי נאָר בענקשאַפט אָהן אַ ברעג.

ער געדענקט דעם טאָג, דעם ערשטען,
ער געדענקט די ערשטע שעה,
ער בעהאַלט זיך, און ער חלומ'ט
אין די הימלען זיידען-בלאָה.

ער בעהאַלט זיך און ער חלומ'ט,
און עס טוט איהם וואונדערוועה,
און עס וויעגט איהם וואונדערליעבליך
ד'אַלטע בענקשאַפט פון דאָס ניי...

און עס וויעגט איהם וואונדערליעבליך
איין דער הימעל ווי אַ קינד;
און ער זינגט איהם ליעדלעך, ליעדלעך,
הימעל-ליעדער, ליכטבעשפּינט: —

V.

„טיעף דער טייך, און הויך דער הימעל
קוקען אייביג זיך אין ד׳אויגען,
קוקען אייביג מיט אַ בענקשאַפט,
וואָלטען צו זיך צוגעפלויגען.
וואָלטען צו זיך צוגעשוואומען
דורך דעם זונענליכט-געפלעכט,
וואָלטען זיך אַרומגענומען
אין די שטערענרייכע נעכט.

„יאָהרען קומען און פערשווינדען,
ווינדען קיהלען און דערוואַרמען —
טייך און הימעל, צוויי געליעבטע,
וועלען קיינמאָל זיך אומאַרמען...
טייך און הימעל, צוויי געליעבטע,
וועלען תמיד זיין צעשיידט,
כאָטש זיי שטרעקען די בעטריבטע
אָרעמס אויס אין אייביגקייט.

„יאָהרען קומען, יאָהרען געהען,
צייטען וועלען בערג פערווישען —
טייך און הימעל, צוויי געליעבטע,
וועלען קיינמאָל זיך נישט קושען.
וועלען קיינמאָל זיך בעהעפטען
אין דעם זיסגליק, וואָס בעשאַפט
אויס דער ליעבע יונגע קרעפטען,
און אַ סוף דער אַלטער קראַפט...

„יאָהרען געהען, לאַנגע יאָהרען,
טייך און הימעל שווייגען, שווייגען...

ביי די טייכען ווײנען ווערבעס,
ווערבעס מיט די ווייכע צווייגען.
צו די הימלען שווימען וואָלקען
מיט געקרעכץ און מיט געוויין —
מיאוס זענען שוין דעם הימעל
די געוויינען קליינליך-קליין.

„טייך און הימעל שווייגען, שווייגען...
נישט די וואָלקען, נישט די ווינדען
ווייסען, וואָסער גרויסער טרויער
איז אין זייער טיעף פערשוואונדען;
שטיל פערשוואונדען און פערשוויעגען,
און בעהאַלטען אויף דעם גרונד...
טייך און הימעל האָבען אויגען,
ווי די אויגען פון אַ קינד..."

— — — — — — — — —

VI.

...טיעף דער טייך, און הויך דער הימעל
וועלען אייביג זיך בעגעהרען...
אייביג אויף דעם גרונד פון טייכען
לעגט דער מאָנד צום שלאָף די שטערען...
אָבער דרימלענדיג נאָך וואַכען
שטערענאויגען פול מיט ליכט,
און זיי קוקען פון די טייכען
אין דעם מאָנדס פערקלערט געזיכט.

און זיי קוקען מיט אַ ליעבשאַפט,
און זיי ווערען זאַכט אַנטשלאָפען — —
און דער מאָנד בלייבט פריי און איינזאַם,

ס׳ווערען איהם די הימלען אָפען.
נישט אַמאָל זיין שיף צו לענקען
שווימט ער אום אין בלאָהער ווייט—
שפרייט די שטראַהלען פון געדענקען
אויף דעם הימעלס בלאָהער זייד.

צווישען ביימער הייבט אָן טאָגען,
רויט פערפאַרבען זיך די קרוינען,
און דער מאָנד ווערט בלייך און בלייכער,
אַזש די הימלען שטוינען, שטוינען...
און דער מאָנד פערזינקט אין דרימעל,
דאַכט זיך רוהיג, דאַכט זיך קיהל...
ר׳האָט געלערענט פון דעם הימעל
בענקען אייביג, בענקען שטיל.

ש. י. אימבער: רויזענבלעטער

אויסקלאַנג.

אויף טריבע וועגען געהט מיט אייך,
איהר ליעדער פון מיין אַלטער ליעבע,
איהר ליעדער ווי אבלים טריבע,
מיין זעעל, אָן נייע ליעדער רייך.

די אַלטע וועגען און די גענג,
וואו כ'האָב אַמאָל מיין האַרץ פערשפּליטערט
געדענק איך ווידער, און עס ציטערט
דאָס האַרץ אין מיר, ווייל כ'בענק, ווייל כ'בענק!

נאָך וועמען בענק איך און נאָך וואָס? —
אָ נישט נאָך דיר, מיין אַלטע ליעבע!
אָ נישט נאָך אייך, געשטאַלטען טריבע
פון יונגע טרוימענס גליקען-גלאָז!

און נישט נאָך אייך, איהר טעג און נעכט
פול טרוימענשוים, אומזיסטע טרעהרען —
פול טרוימען פון פערליעבטע שטערען,
צו אומפּרוכטבאַרען לייד פערקנעכט!

נאָר כ'בענק נאָך יעדען טראָפּען קראַפט,
וואָס כ'האָב אומזיסטיג אָנגעוואוירען,
וועז כ'האָב אין טרוימען מיך פערלוירען
און לופטגעשטאַלטען נאָכגעגאַפט.

און כ׳בענק נאָך יעדן העלען שטראַהל
פון קינדערגליק און קינדערגלויבען,
נאָך מיין נשמה׳ס ריינע טויבען,
דערטראָנקענע אין גיפט און גאַל.

און כ׳בענק נאָך יעדער איינער טרעהר,
אומזיסט פערגאָסען און פערפלאָסען —
און כ׳בענק נאָך גליקען, נישט-גענאָסען —
און כ׳בענק, וואָס כ׳בין קיין קינד נישט מעהר.

און ס׳שרעקט מיך, אָ מיך שרעקט אַזוי —
עס קומט נאָך ווען די זון מיר טאָגען,
און טרעפט מיין האַרץ, די בלום צענאָגען,
מיין האַרץ, די בלום בערויבט פון טוי!

פיערטעס בוך:

פרינצעסין טויבענהאַרץ

(1910—1914.)

די זון געהט אויף

איך ווייס נישט ביז היינט, ווי אַזוי ס׳איז געקומען,
וואָס כ׳האָב מיך געוואַגט אין געדאַנק
צו קושען די בליקען ביי דיר אין די אויגען,
צו קושען זיי ליעבענד און לאַנג.

איך ווייס נישט ביז היינט, ווי אַזוי ס׳איז געקומען,
וואָס כ׳האָב צו מיין האַרצען גערעדט:
אָ האַרץ מיינס, דו קינדישעס האַרץ, זיי נישט קינדיש —
צום גליק איז נישט קיינמאָל צו שפּעט.

איך ווייס נישט ביז היינט, ווי אַזוי ס׳איז געקומען,
וואָס דו האָסט פערשטאַנען מיין זעעל —
סיידען דו האָסט מיינע טרעהרען געפונען
פערפערעלטע נעבען דיין שוועל.

ביים קלאַוויער.

I.

פון ווייטען שוין מיט ווייסע ציין
געלאַכט האָט דאָס קלאַוויער
צו דיינע הענטלעך, קינדיש קליין,
פול וויכער קינדהייטסציער.

דאָך איצט, ווען דו האָסט עס בעריהרט,
איצט לאַכט עס און עס וויינט —
עס האָט אין דיינע הענד דערשפירט
פיעל וואונדערקראַפט פעראייגט.

עס האָט דערפיהלט אין דיינע הענד
אַ קראַפט, וואָס גלעט און גליהט —
און וואונדערליך האָט זיך צעברענט
פון גליק און שמערץ אַ ליעד.

דאָס ליעד פון גליק פערשטעה איך נישט,
עס איז מיר פרעמד, אוי פרעמד!
דאָך וואָלט איך דיר די הענד געקושט,
ווען כ׳וואָלט מיך נישט געשעהמט.

דאָס ליעד פון שמערץ פערשטעה איך גוט,
עס איז מיר נאָהנט, אוי נאָהנט!
אין האַרץ מיין יעדער טראָפּען בלוט
וואָלט זינגען עס געקאָנט.

דאָס ליעד פון שמערץ, איך זיץ און הער,
ווי ס׳פּלאַטערט אויף און אָב — — —
די שאָטענס ווערען דאָפּעלט שווער,
און פאַלען אויף מיין קאָפּ.

דאָס ליעד פון שמערץ — איך הער מיך צו,
וויֹ אונטער דיינע הענד
צעוואַקסט עס זיך, און דו, און דו
בערוהיגסט עס צו ענד.

די שאָטענס ווערען דאָפּעלט שוואַרץ,
און שטיל ווערד דאָס קלאַוויער — — —
איצט לעג דיין אויער אויף מיין האַרץ —
איצט שפּיעלט אין האַרץ ביי מיר.

II.

וויעגט אַייך, איהר טענער, ווי מוטערהענד ווייכע,
און לייכטע, ווי טרעהרען פון גליק...
וויעגט מיין נשמה די גליקאיבערדייכע —
היינט האָב איך פיעל גליקען צוריק.

פאַר טויבע אַ זינגער, אָהן זינדען אַ זינדער —
אַזוי האָב געליטען איך לאַנג,
אַזוי האָט געוואַנדערט מיין האַרץ, ווי אַ בלינדער
זיין פינסטערען, ביטערען גאַנג.

ווער האָט פון מיין האַרצען די נאַכט צוגענומען? —
האָסט דו עס, קינד, אָדער דיין ליעד?
ווער האָט עס מיין וועהטוג בעפוילען צו שטומען?
ווער האָט פאַר מיר זונען צעגליהט?

ווער האָט עס בעלעבט מיינע טרוימען, די בלייכע?
צי האָט עס דיין ליעד, צי דיין בליק? — — —
וויעגט מיך, איהר טענער, ווי מוטערהענד ווייכע
אַזוי ווי אַ קינד אין דער וויעג...

III.

Sie ist so weiss...
(Grieg.)

זי איז אַזוי ווייס, ווי דיין זעעלע,
די הייליגע ליעבע, מיין קינד,
זי איז אַזוי ווייס, ווי דיין זעעלע,
זי איז אַזוי קלאָר, ווי דיין האַרץ —
דאָך אָפט זעהען מענשען זי שוואַרץ,
ווייל מענשען, זיי זענען אָפט בלינד —
זי איז אַזוי ווייס, ווי דיין זעעלע,
די הייליגע ליעבע, מיין קינד.

זי איז אַזוי ווייך, ווי דיין אָטעם,
די בליהענדע ליעבע, מיין קינד,
זי איז אַזוי ווייך, ווי דיין אָטעם,
זי איז ווי אַ קינדערש געבעט —
דערפאַר ווערד זי אָפטמאָל פערוועהט
ביים הויך פון דעם לייכטעסטען ווינד —
זי איז אַזוי ווייך, ווי דיין אָטעם,
די בליהענדע ליעבע, מיין קינד.

זי איז אַזוי ווייס, ווי דיין זעעלע,
די שטראַהלענדע ליעבע, מיין קינד,
זי איז אַזוי זיס, ווי דיין אָטעם,
זי איז אַזוי ריין, ווי דיין בליק —
און אָפט סמ'ען מענשען איהר גליק,
און אָפט מאַכט זי שווינדען אַ ווינד —
דאָך אייביג בעוואוינט זי די זעעלע,
וואָס איז ווי די דיינע, מיין קינד.

דיינע הענד.

I.

דאָס שטילע ליעד פון דיינע הענד
בעגעהר איך, קינד, צו הערען,
דאָס שטילע ליעד פון דיינע הענד
אויף מיין צעבּרענטען שטערען.

דאָס שטילע גוט׳ס פון דיינע הענד
בעגעהר איך, קינד, צו פיהלען,
דאָס שטילע גוט׳ס פון דיינע הענד,
וואָס קאָנען שמערצען שטילען.

די שטילע פּראַכט פון דיינע הענד
בעגעהר איך, קינד, צו בינדען
צו מיינע הענד, פון זינד פערברענט,
עס זאָל מיין זינד פערשווינדען.

דאָס שטיל געבּעט פון דיינע הענד
בעגעהר איך, קינד, צו וועקען —
דאָס שטיל געבּעט פון דיינע הענד
פאַר מיין נשמה׳ס פלעקען.

II.

אויף דיינע ווייסע הענד
וויל איך נישט אָנשפּאַרען מיין קאָפּ —
מיין קאָפּ איז הייס און ברענט.

אויף דיינע ווייסע הענד
וויל איך נישט אָנזיעגלען אַ קוש —
מיין קוש וואָלט דיך געשענדט.

אויף דיינע ווייסע הענד
וויל איך נישט אָנהעפטען מיין בליק —
וואָלסט בלוט אין איהם דערקענט.

ווייל כ׳בענק, ווייל כ׳בענק אָהן ענד
צו גיעסען פון מיין האַרץ דאָס בלוט
אויף דיינע ווייסע הענד.

אויגענשפּראַך.

עס בעטען מיך שטיל דיינע אויגען:
„אוי קוק נישט, אוי קוק נישט אַזוי!
דיין אויג איז מיט טרעהרען פערצויגען,
ווי בלומען, וואָס שטעהען אין טוי...”

עס בעטען מיך שטיל דיינע אויגען:
„אוי שווייג נישט, אוי שווייג נישט צו לאַנג!
דיין שווייגען, עס רעדט הויך און בעט הויך —
און וועקט מיר מיין שטילסטען געדאַנק...”

עס בעטען מיך שטיל דיינע אויגען:
„אוי זאָג נישט, אוי זאָג נישט דאָס וואָרט,
וואָס כ׳וואָלט נישט דעם טאַטען דערצעהלען,
דער מאַמען דערצעהלען געטאָרט...”

— אוי קינד, דיינע אויגען די רייגע,
ס׳איז הייליג מיר זייער געבעט!
מיין סוד וועסטו קיינמאָל נישט הערען —
און אפשר אַמאָל, נאָר צו שפּעט...

און וועקט זיך דיין זעעל ביי מיין שווייגען, —
מיין רעדען שלעפּט איין זי צוריק...
דאָך האָסטו מיין בליק שוין געזעהען —
ווי וועסטו פערגעסען מיין בליק?

זעעלענבונד.

דיין זעעלע איז אַ ווייסע טויב —
די ווייסע טויב איז מיינע,
דיין זעעל נעמט אויף מיט פרייד און לויב
די בליקען מיינע ריינע.

דיין בליק דערגרייכט אָהן מיה צום אָרט,
וואו ס׳קניעט מיין זעעל, די שטילע —
דיין האַרץ זאָגט נאָך מיר וואָרט ביי וואָרט
אַ שטילע, ריינע תפילה.

מיין ווייסע טויב — האָסט אָבגעווישט
מיין זינד מיט דיינע פליעגעל...
דו האָסט מיך ליעב, און ווייסט עס נישט —
דאָך ברעך איך נישט דעם זיעגעל.

דו האָסט מיך ליעב און ווייסט עס נישט,
און כ׳וויל נישט, זאָלסט עס וויסען —
די שעה, ווען דו וואָלסט מיך געקושט
וואָלט די אייביגקייט צעריסען.

* *
*

קינד, מיין וועג איז פול מיט דערנער,
און דיין פוס איז יונג און צאַרט —
שרעק איך מיך דיין פוס צו לאָקען
אויף דעם דאָרנוועג, וואָס מיך וואַרט.

קינד, מיין האַרץ איז פול מיט בלומען,
און דיין זעעל בעגעהרט פיעל דופט —
קאָן איך נישט מיין האַרץ פערוועהרען,
ווען עס רופט נאָך דיר און רופט.

קינד, מיין וועג איז שווער! כ'וועל איינזאַם
געהן איהם, ווי בעשערט מיר איז...
דאָך מיין האַרץ לאָז איך דיר איבער —
זעה, עס ליעגט ביי דיינע פיס!

* *
*

אָ איך ווייס עס — לאַנג נאָך שווייגען
 וועל איך מוזען, קינד!
זאָל דער שמערץ ווי טיעף מיך בייגען,
זאָל ווי הויך מיין טרויער שטייגען —
איך וועל שווייגען, ווייל נישט שווייגען
 וואָלט געווען אַ זינד.

איך וועל שווייגען און וועל וואַרטען,
 וואַרטען יאָהרענלאַנג —
ביז אין האַרץ ביי דיר אין צאַרטען
צווישען הונדערט בלומען-אַרטען
וועל איך מיך איין בלום דערוואַרטען,
 ריין, ווי גאָטס געדאַנק.

וועט די בלום צו מיר זיך נייגען,
 פון דער ליעב׳ די בלום —
וועל איך מעהר דיר נישט פערשווייגען,
אַז מיין האַרץ איז לאַנג דיין אייגען —
וועט פון מיר זי אָב זיך נייגען,
 בלייב איך אייביג שטום.

הייליגע אָבענדען

דאָם ליעדערלעזען.

דיין טאַטע האָט געזאָגט: „ענטציקענד,
ענטציקענד איז אַ יעדעס וואָרט!"
די מאַמע האָט, צום טאַטען בליקענד
זיין לויב בעשטעטיגט און בעוואָהרט.
און איך האָב זעעלענרוה געהייכעלט,
ווען כ'האָב מיין ליעד אייך פאָרגעליינט...
דיין אויג האָט שטיל מיר צוגעשמייכעלט,
דיין האַרץ דאָס גוטע האָט געוויינט.

דאַן האָט גענומען טונקעל ווערען —
דיין שוועסטערעל געזאָגט האָט: „איצט
זאָל יעדער זוכען זיך זיין שטערען,
וואָס הויך אין הימעל פאַר איהם בליצט..."
מיין בליק האָט זוכענדיג געהייכעלט,
ווייל כ'ווייס, קיין שטערען פאַר מיר שיינט...
דיין אויג האָט שטיל צו מיר געשמייכעלט,
דיין האַרץ דאָס גוטע האָט געוויינט.

מיר זענען נאָכדעם לאַנג געזעסען
פערטיעפט אַ יעדערער אין זיך —
איך האָב געפּריווט די וועלט פערגעסען,
און נישט געקאָנט פערגעסען ד י ך...
אָ פאַלשע האָפנונגען — נישט הייכעלט!
איהר האָט מיך אָפט שוין דאָרנגעקריינט...
דיין אויג האָט שטיל מיר צוגעשמייכעלט,
דיין האַרץ דאָס גוטע האָט געוויינט.

דיין טאַטע האָט זיך הייס געזעגענט,
ווען כ'האָב מיך אויפגעהויבען געהן —
דיין מוטערס בליק האָט מיך בעגעגענט,
און כ'האָב מיין מוטער דאָרט דערזעהן...
דו איינע האָסט מיר קעלט געהייכעלט,
נאָר כ'וויס — מיר בלייבען אייביג פריינד — — —
דיין אויג האָט שטיל צו מיר געשמייכעלט,
דיין האַרץ האָט שטיל דורך מיר געוויינט.

ॐ

דער נאַכטפאַלטער.

געדענקסט? מיר זענען שטיל געזעסען,
כאָטש ס'האָט אונז קיינער נישט בעוואַכט...
דיין אויג געשפּינט האָט גאָלד'נע טרעסען,
אין מיינעם האָט געוויינט די נאַכט...
כ'האָב נישט געקוקט דיר גלייך אין ד'אויגען —
צו העל געשיינט האָט דיין געזיכט — — —
... אַ נאַכטפאַלטער איז אומגעפלויגען
און האָט געצויגען זיך צום ליכט...

אין דרויסען איז די נאַכט געלעגען,
אין דרויסען און ביי מיר אין האַרץ —
און פון דער ווייטען, מיר אַקעגען
ביסט דו געזעסען... האָסט מיין שמאַרץ
דערזעהן מיט דיינע גוטע אויגען —
און כ'האָב דערהויבען מיין געזיכט — — —
... דער נאַכטפאַלטער איז דורכגעפלויגען
צוויי-דריימאָל דורך דער פלאַם פון ליכט...

צוויי-דריימאָל האָט דיין בליק בעריהרט מיך,
און ס'איז מיר שוין גענוג געווען...
מיין האַרץ, דאָס קינד, האָט שוין געפיהרט מיך
אויף וועגען העל און וואונדערשעהן...
ווי קינדער האָבען מיינע אויגען
געזויגען גליק פון דיין געזיכט — — —
... דער נאַכטפאַלטער איז אומגעפלויגען
ווי גליקבערוישט אַרום דעם ליכט...

כ'האָב דאַן געטראַכט: די צייט פון וואונדער
איז נישט פערביי – זי לעבט אַצינד...
– האָסט נישט געמאַכט מיין האַרץ געזונדער!
אַ רגע מיטלייד היילט קיין וואונד...
געדענקסט? דאָס גאָלד פון דיינע אויגען
האָסט דו געשיט אויף מיין געזיכט – – –
... דער גאַכטפאַלטער איז צוגעפלויגען,
און האָט פערברענט זיך ביי דעם ליכט...

הערבסט.

גערענקסט? ווען זומער איז געוועזען
פלעגסט דו שפּאַציערען נעבען מיר —
מיין האַרץ איז דעמאָלט גאַנץ געוועזען,
כאָטש כ'האָב נישט גלייך געקוקט אויף דיר —
דיין שאָטען פלעגט מיך נאָר דערלאַנגען — — — —
היינט האָט דער הערבסט דעם וועג צעשטערט,
וואו ס'האָט מיין בליק פול הייס פערלאַנגען
געקושט דיין שאָטען אויף דער ערד.

היינט האלט דער הערבסט, דער בייזער, טריבער
אי מיך אי דיך אין שטוב פערמאַכט...
דאָך קום איך אָפט צו דיר אַריבער,
ווען קאַלט און שוואַרץ פאַלט צו די נאַכט;
איך קום און לעז מיין זעעלס געזאַנגען —
דיין טאַטע הערט, דיין מאַמע הערט —
און ס'וויעגט מיין ליעד מיט זיינע קלאַנגען
דיין ווייכען שאָטען אויף דער ערד.

צי האָסטו אַלץ, וואָס כ'זינג פערשטאַנען?
מיין ריטמיש ליעד, עס וויעגט דיך ווייך —
דאָך וועט מיין ליעד דיך נישט דערמאַנען
אָן די שפּאַציערגענג, ווען כ'בין בלייך
אָהן ווערטער נעבען דיר געגאַנגען —
דיין קעלט האָט רעדען מיר פערוועהרט —
און כ'האָב מיין סוד דערצעהלט פול באַנגען
נאָר בלויז דיין שאָטען אויף דער ערד.

גערענקסט? אין זומער פאַר דיין פענסטער
האָט לאַנג אַ ווייסע רויז געבליהט,
ביז ס'האָבען קאַלטע הערבסטגעשפענסטער
געמאַכט זי קראַנק, געמאַכט זי מיעד...
אַזוינע ריינע רויזען פראַנגען
אין האַרץ ביי מיר, פון שמערץ געצעהרט,
זינט כ'האָב פערטרויט מיין הייס פערלאַנגען
דיין קיהלען שאָטען אויף דער ערד.

אַ מעשה.

ווי האָט, פון לאָמפּענליכט בעגאָסען,
געשטראַהלט דיין אויג, בעשטראַהלט מיין וועלט!
געבענשט זענען די טישגענאָסען,
וואָס האָבען דיך מיר נישט פערשטעלט!
געבענשט זאָל זיין די האַנד, די ווייסע,
דיין מוטערס האַנד, וואָס ווייך דיך האַלט — — —
איך בין, אין האַרץ פול טרעהרען הייסע
געזעסען שטיל, ווי מאַרמאָר קאַלט.

דו האָסט אַ מעשה פאָרגעלעזען
פון גרויסען, שעהנעם מעשה-בוך —
די מעשה איז אַזוי געוועזען:
געטראָפען האָט אַ צויב׳רערס פלוך
אַ מיידעל-זעעל, אַ ריינע, ווייסע,
און האָט פערשטיינערט איהר געשטאַלט,
און האָט פערמאַכט איהר האַרץ, דאָס הייסע
אין פאָרמען טויט און מאַרמאָר-קאַלט.

דאָך האָט דער צויבערער, דער רויבער
גערויבט איהר זעעלגליק נישט אויף לאַנג —
עס האָט בעפרייט זי פון דעם צויבער
אַ יונגען זינגערס ליעב-געזאַנג...
זיין ליעד האָט ווי אַ טויב, אַ ווייסע
אומשוועבט פול ליעבע איהר געשטאַלט,
און האָט דערגרייכט דאָס האַרץ, דאָס הייסע
אין דער געשטאַלט ווי מאַרמאָר קאַלט.

ער לעבט אין פריידען אומגעטריבטע
מיט זיין געליעבטער נאָך ביז היינט — — —
... און איך? און דו? – אָ מיין געליעבטע,
מיין ליעד, וואָס וויל דיך וועקען – וויינט...
אָ מיין געליעבטע ריינע, ווייסע,
א רעטזועל איז מיר דיין געשטאַלט –
ווען ס׳איז דיין אויג פול בליקען הייסע,
איז אפשר ס׳האַרץ דיינס מאַרמאָר-קאַלט?

ענדערונג.

עס זענען ערשט דריי טעג פערפלאָסען
זינט כ׳בין געזעסען ביי דיין טיש,
זינט ס׳האָט דיין אויג אַ טרייסט געגאָסען
אין אַל׳ מיין לעבענס ביטערניש;
דריי טעג, זינט כ׳האָב, מיין זעעלפערטרויטע,
געשפּיעגעלט מיך ביי דיר אין בליק...
דריי טעג — מיין גליק, דאָס טרוימגעבויטע
איז היינט אַ חורבה פון אַ גליק!

אָ זעה, איך בין פול ליעב׳ געקומען,
און בויג מיין שטאָלץ פאַר דיר און בויג —
איך האָב דיין האַרץ אַרומגענומען
מיט אַלע שטראַהלען פון מיין אויג —
איך וויעג עס, ווי מען וויעגט פערטרויטע,
געליעבטע הערצער מיט דעם בליק — — —
וואָס שיקט דיין האַרץ היינט בליקען טויטע,
זיי זאָלען אָבטויטען מיין גליק?

אָ גליקען פיעל האָב איך פערלוירען,
נישט ווייס איך וואו, נישט ווייס איך ווען...
דאָך דאָס, וואָס כ׳זעה היינט אָנגעוואוירען
איז מיר דאָס טייערסטע געווען —
דיין ליעבע, בלויז אַ טרוימגעבויטע
פלעגט שוין ערהעלען מיר דעם בליק..
דיין ליעב׳, די קוים-געבויר׳נע טויטע
פערשטעלט מיין לעצטען וועג צום גליק.

אַ רויטער עפּעל ליעגט צעשניטען —
אַ העלפט פאַר מיר, אַ העלפט פאַר דיר,
דאָס בלאַנקע מעסער ליעגט אין מיטען
און ווינקט צו מיר, און ווינקט צו מיר...
און אין מיין ברוסט דאָס האַרץ, דאָס רויטע,
וואָס ליעגט צעשניטען פון דיין בליק
געזעגענט גליקען טרוימגעבויטע —
און בענקט צום מעסער, ווי צום גליק...

ווינטער.

מיין רוה איז בלוטענד אָבגעפלויגען —
איהר מערדערין אָהן שולד ביסט דו...
וואָס מעהר איך קוק אין דיינע אויגען
ווערד ווינציגער מיין האַרצענס רוה.
איך קוק אין דיינע אויגען-טיעפען,
דאָך קינדער זענען זיי נאָך גאַנץ —
דיין האַרץ האָט נאָך נישט גאַנץ בעגריפען
אין אויג ביי מיר דעם טרעהרענגלאַנץ.

דו זעהסט מיך נאַכט אויף נאַכט דאָ זיצען
אין שטוב ביי דיר, ביים טאַטענס טיש,
און קענסט נאָר מיינע בליקען-בליצען —
דאָך נישט די טרעהרען, וואָס כ׳פערוויש,
ווען כ׳געה צו דיר מיין האַרצבלוט טריעפען —
דיין שוועל פערבייט מיך גאַנץ און גאַנץ...
און זיך איך שטיל פון שמערץ ערגריפען,
בעגרייפסטו נישט מיין טרעהרענגלאַנץ.

נאַכט-נעכטליך, ווען כ׳פערלאָז דיין צימער,
פערלאָזט מיין האַרץ די פאַלשע רוה —
געגאַנגען וואָלט מיין האַרץ אין טרימער,
דיין לעצטער בליק נאָר האַלט עס צו —
ער זינקט אין מיין נשמה׳ס טיעפען,
דיין שטילער בליק פול גוטס און גלאַנץ...
צי זאָגט דיין בליק דאַן, אַז בעגריפען
האָסט דו מיין זעעלע גאַנץ און גאַנץ?

אָ קינד, דו קעהרסט אַליין נישט וויסען,
ווי טיעף עס טרעפט מיך אָפט דיין בליק —
ווי אָפט ער האָט מיין האַרץ צעריסען,
ווי אָפט פערהיילט מיין האַרץ צוריק...
אָ לאַנג נאָך וועט מיין בלוט בעטריעפען
דיין קינדערזעעלעס פעסטונגס-שאַנץ,
ביז שפּיעגלען וועט זיך ליעב-ערגריפען
דאָס אויג דיינס אין מיין טרעהרענגלאַנץ!

דערנער בליהען

1.

אויף וויסטע, נאַכטבעדעקטע וועגען
האָט לאַנג מיין מזל מיך געפיהרט,
היינט ברענגט עס מיך דעם ליכט אַקעגען —
און ס'שרעקט מיין האַרץ זיך, ווי פעראירט.

און ס'שרעקט מיין האַרץ זיך ווי א זינדער,
וואָס לאָזט דעם וועג פון שטראָף און זינד;
און כ'בין היינט קינדישער פון קינדער,
און שטאַמעל תּפילות צו אַ קינד.

און שטאַמעל תּפילות פול מיט שרעקען —
עס שרעקט מיך, קינד, ביי דיר צו רוה'ן!
קינד, צופיעל גליק וויל אין מיר וועקען
דיין אויג, מיין ליכט, דיין אויג, מיין זון!

און וואָלט מיך צייטענווייז נישט ברענען
דיין אויג, די זון, דיין אויג, דאָס ליכט —
וואָלט איך נישט וואַגען דיר געגעהנען,
אַזוי פול גאָט איז דיין געזיכט.

2.

מיין קינד, צו קינדיש איז דיין זעעלע,
ס'איז הייליג מיר איהר רוהיגקייט!
און בליקען העלע, ווערטער שנעלע,
איך האַלט זיי איין — און לייד, און לייד.

מיין קינד, איך וויל דיין רוה נישט רויבען —
אַ בלוטיג אָפּפער איז מיין סוד!
דאָך רויבט מיר יעדער טאָג דעם גלויבען,
אַז ס'נעהט מיין קרבן אויף צו גאָט.

3.

מיין שטערען, מיין שטערען אין הימעל,
כ'היב אויף מיינע אויגען צו דיר —
אַ קינד וויל איך ווערען און גלויבען,
אַז שיינסט ערגיץ דאָרט נאָך פאַר מיר.

מיין שטערען, האָסט קאַלט מיר געלויכטען
אין לאַנגען, אין דאָרניגען וועג —
בעגלייט מיך כאָטש איצט מיט אַ ברכה
צום הויז דאָ אין געסעל ביים עק.

אָ ברענגסו אַהין מיך, דאַן לעש דיך —
דאַן בין איך דער גליקליכסטער מאַן!
דאָרט לייכטען צוויי אויגען, ווי שטערען,
זיי וועלען מיך פיהרען שוין דאַן.

4.

ווי נאָהנט, ווי נאָהנט איז מיר דיין הויז —
ווי ווייט דיין האַרץ, ווי ווייט!
וואו נעמט מען אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל
דיר זאָגען, וואָס איך לייד!

אוי וואָלט איך אַזאַ וואָרט געהאַט,
איך וואָלט עס דיר ענטפלעקט;
איך וויים, דו וואָלסט מיטביידע הענד
די אויגען דיר פערדעקט.

און וואָלסט דער מאַמען אַלץ פערטרויט,
דו קינד — און עס קאָן זיין,
דיין הויז וואָלט דאַן מיר ווייט געווען —
דאָך נאָהנט די זעעלע דיין.

5.

אַ וואָרט און צוויי, אַ וואָרט און דריי,
און ווערטער אָהן אַ שיעור!
זיי זאָגען נישט, זיי זאָגען נישט,
וואָס כ׳האָב צו זאָגען דיר.

וואָס כ׳האָב צו זאָגען ליעגט אין האַרץ;
און מאַטערט מיך אָהן שיעור!
אַ וואָרט און צוויי, אַ וואָרט און דריי —
מיין האַרץ בלייבט פרעמד פאַר דיר.

6.

נישט איין געוויינטאָג וואַרט מיך נאָך,
און נישט איין נאַכט אָהן שלאָף,
און נישט איין בליק פול קעלט פון דיר,
וואָס ברענט ווי גאָטס אַ שטראָף.

און נישט איין וואָרט ועט קומען נאָך
פול גיפט פון דיר צו מיר,
און טויזענד מאָל וועל איך נאָך שטעהן
אַ בעטלער פאַר דיין טיר.

און ווי אַ בעטלער וועסטו מיך
פערשפּאָטען טויזענד מאָל —
כאָטש כ׳וועל אין מיינע ליעדערס גלוט
דיר שמיעדען גאָלד אָהן צאָהל.

7.

פאַרוואָס, כאָטש איך האָב דיר קיין וואָרט נישט געזאָגט,
דערקענסטו, וואָס טרויריג מיך מאַכט?

צי האָט זיך מיין זעעלע פאַר דיר שוין פערקלאָגט
אין חלום אין שטילען ביי נאַכט?

און האָט זיך מיין זעעלע געקלאָגט שוין פאַר דיר,
וואָס האָסטו געענפערט איהר, קינד?
צי האָסטו אַ טרייסטוואָרט געפונען פאַר איהר,
אַ טרייסטוואָרט, וואָס זעעלען פערבינדט?

צי האָסטו פערטריבען מיין זעעלע פון דיר
און האָסט זי פערשפּאָט און פערלאַכט? —
פאַרוואָס האָט מיין טרויריגע זעעלע אין מיר
געוויינט אַזוי לאַנג היינט ביי נאַכט?

.8

ווען כ׳געה צו דיר די וועגען
בעגעגענט מיך דער ווינד —
דער ווינד, ער טוט מיך פרעגען,
פאַרוואָס די טרעהר מיר רינט.

ווען כ׳געה צו דיר די וועגען
בעגעגענט מיך די נאַכט —
די נאַכט, זי טוט מיך פרעגען,
וואָס טרויעריג מיך מאַכט.

זיי פרעגען און בעפרעגען,
דאָך הער איך זיי נישט שיער —
ווען כ׳געה צו דיר די וועגען
איז שוין מיין זעעל ביי דיר.

װען כ׳געה צו דיר די װעגען
שלאָגט ס׳האַרץ מײנס פלאַמענדיג —
דאָך, זיץ איך דיר אַקעגען,
מאַכט פריערען מיך דײן בליק.

און זיץ איך דיר אַקעגען —
טרעפט קאַלט דײן װאָרט מיך, קינד.
װעסט דו מיך קײנמאָל פרעגען,
װאָס ס׳פרעגט מיך נאַכט און װינד?

9.

געגאַנגען מיט אַ האָפענונג,
געקומען מיט אַ שרעק,
און מיט אַ האַרץ אַ שטאַרבענדיגס
בין איך פון דיר אַװעק.

און מיט אַ האַרץ אַ שטאַרבענדיגס
האָב איך געטרוימט בײ נאַכט —
אַ האָפענונג, אַ ליעבליכע
איז פון מײן טרױם ערװאַכט.

די האָפענונג, די ליעבליכע,
װי קאָן זי זײן מיר ליעב? —
עס האָט געבוירען זי מײן האַרץ,
אַ קאַלטער, טױטער גרוב.

די האָפענונג, די ליעבליכע,
װי קאָן זי ליעב מיר זײן? —
אײן װאָרט פון דיר װעט לעגען זי
אין קאַלטען גרוב אַרײן.

10.

אַ האַלבער הימעל איז פערזיי׳ט
מיט גאָלדענע שטערען,
די צווייטע העלפט האָט אויסגעשפרייט
אַ וואָלקען אַ שווערען —
אַ האַלבע נאַכט האָט מיך דערפרעהט
דיין גלאַנץ, מיין שטערען,
די האַלבע נאַכט האָט אונז צעשיידט,
איצט גיעס איך טרעהרען.

ווי פערעל האָב איך אויסגעזיי׳ט
די טרעהרען, די טרעהרען —
די טרעהר צעררינט, דער שמערץ פערגעהט
אין שלומער אין שווערען —
באַלד קומט אַ טרוים פול טרויריגקייט
מיין שלאָף צו שטערען —
ביז ס׳וועקט מיך פריש צו לייד און פרייד
דער מאָרגענשטערען.

11.

ווען איך געה פאַרביי דיין פענסטער
אין דער נאַכט, דער שפעטער נאַכט,
טראַכט איך מיר: דיין טרוים, דער שענסטער
בליהט אַצונד אין פולער פראַכט.

טראַכט איך מיר: דיין טרוים, דער שענסטער
בליהט אַצונד, און איך אין איהם...
וויל איך צוגעהן צו דיין פענסטער
און דערהייבען הויך מיין שטים —

און דיך וועקען מיט געזאַנגען
פון דעם טרוים, וואָס נאַרט דיך בלויז —
און דיר שטילען דיין פערלאַנגען
אין מיין אָרעם, אויף מיין שויס.

נאָר איך וואַג נישט הויך צו טרעטען
פאַר דיין פענסטער, פאַר דיין טיר —
כ'געה אַהיים, און פול געבעטען
טרוים איך וואַכענדיג פון דיר.

12.

דערזעה איך דיך אין מיינע טרוימען,
אין מיינע טרוימען הייס און זיס —
דערגרייכט מיין זעעל דעם הימעלס זוימען,
דערגרייכט מיין שטערען דיינע פיס.

דאָך, זעה איך דיך אין די מינוטען,
ווען ס'איז צו זעהן דיך מיר בעשערט —
בעפאַלען מיך חרטה-גלוטען,
וואָס כ'האָב געוואַגט און דיך בעגעהרט.

ווייל פון די ריינסטע הימלען ריינער
און ליעבליכער פון יעדען טרוים
בעווייזט דו דיך דער זעעלע מיינער,
און כ'וואַג אויף דיר צו קוקען קוים.

און ס'פאַלט מיין זעעלע דיר צו פיסען
און בעט פערצייהונג שטיל און שטום — — — —
ווער בין איך דען, איך זאָל געניעסען
דיין וואונדערדופט, דו וואונדערבלום?

.13

איך בענק נאָך דיר! צו ציטערדיגע בלומען
פון שטורם בעוועגט, איז גלייך מיין בענקענד האַרץ!
איך בענק נאָך דיר — כאָטש ביסט צו מיר געקומען
דורך נאַכט און ווינד, דורך שאָטענס שווער און שוואַרץ;
איך בענק נאָך דיר! איך האָב אַרומגענומען
אין הייסען טרוים און דריק צום הייסען האַרץ
פול ליעבעסבענקשאַפט און פול בענקשאַפטסשמאַרץ
דיין בילד, פול דופט פון יונגע רויזענבלומען.

איך בענק נאָך דיר! כ'וויל וויינען, וויינען, וויינען —
ביז דו ווערסט הערען מיין געוויין פול פיין,
ביז ס'וועט דער גלאַנץ פון מיינע טרעהרען שיינען
דורך שוואַרצער נאַכט צו דיר אין שטוב אַריין.
איך בענק נאָך דיר! כ'וויל וועקען מיט געוויינען
דיין אויג פון שלאָף און אויך די זעעלע דיין,
ביז אין דיין האַרץ, דעם זעלט'נעם עדעלשטיין
וועל איך געקריצט דאָס וואָרט פון ליעבע ליי'נען.

איך בענק נאָך דיר! איך וויל פאַר דיר מיך קלאָגען —
דאָך וויים ביסט דו און הערסט נישט אויף דיין קנעכט.
איך בענק נאָך דיר! אַ טרוים ברענגט דיך צו טראָגען,
דאָך מאַכט דער טרוים מיין האַרצען מעהרער שלעכט!
איך בענק נאָך דיר! עס איז נאָך וויים צום טאָגען —
די נאַכט איז לאַנג, די לענגסטע פון די נעכט!
איך בענק נאָך דיר! פון האַרץ דאָס ליעד זיך ברעכט,
וואָס וועט אַמאָל צו שפעט פאַר דיר זיך קלאָגען.

14.

טיעפער שניי אויף אַלע וועגען,
טיעפער שניי ביי מיר אין האַרץ —
שטעהט דער וועג דער זון אַקעגען,
שטעהט מיין האַרץ אין שאָטענס שוואַרץ.

וועט די זון דעם וועג בעשיינען,
וועט דער שניי צעגעהן געשווינד —
דאָך מיין האַרץ וועט לאַנג נאָך וויינען,
ווי אין פראָסט פעראירט אַ קינד.

אַך אין פינסטער מוז עס אירען
זינט עס קארגט דיין אויג איהם ליכט,
און אין טיעפען שניי פערפריערען
נישט בעשיינט פון דיין געזיכט!

15.

פערשווינדט, פערשווינדט, געדאַנקען שווערע —
איהר האָט מיך מיעד געמאַכט!
איהר לאַכט צו הויך פון טרוימען לעערע,
איהר רויבט מיין שלאָף ביי נאַכט.

פערשווינדט, פערשווינדט, געדאַנקען טריבע,
איהר האָט געמאַכט מיך טריב —
פערשווינדט אינאיינעם מיט מיין ליעבע,
זי איז מיר מעהר נישט ליעב!

פערשווינדט אינאיינעם מיט מיין לעבען —
עס איז מיר שוין צו לאַסט!
דאָס ליעד וואָס גאָט האָט מיר געגעבען,
עס רויבט מיר רוה און ראַסט.

און האָב איך מיר אַ האַרץ ערצויגען,
וואו הייליג פייער ברענט —
די שווערע טרעהר פון מיינע אויגען
פערלעשט עס נאָך צו ענד.

16.

איך וועל לאָזען געהן די טעג
רוהיג מיר פאַראיבער,
ווי אַמאָל ביים ראַנד פון וועג
איינגעמיעדט, אַ בעטלער
לאָזט די וואַנדערער פאַרביי,
לאָזט זיי געהן אין פריעדען —
ר׳ווייסט, ס׳וועט קיינער סיי-ווי-סיי
וואָס איהם פעהלט, נישט געבען...

קאַלטע מענשען — גראָשענס קאַלט
שענקען זיי דעם בעטלער.
לעבענסטעג! איהר מאַכט מיך אַלט,
דאָך איהר מאַכט נישט גליקליך...
לעבענסטעג! מיין קינדיש האַרץ
רופט אייך: טעג פון ליעבע...
טעג פון ליעבע! גראָשענס שוואַרץ
האָט איהר מיר געוואָרפען.

Library of Bureau of Jewish Education
Cleveland, Ohio

טעג פון ליעבע! געהט און געהט —
כ'מאָהן ביי אייך שוין גאָר נישט.
ס'איז פאַר מיר צום גליק צו שפעט,
און צו פריה צום שטאַרבען.
ליעבסטע מיינע! אין דעם טאָג,
ווען ס'וועט זיין דיין חופה
טראַכט פון מיר און פון מיין קלאָג —
ווינש מיר, איך זאָל שטאַרבען.

17.

שלאָף איין, שלאָף איין,
מיין האַרץ, פול פיין,
דיר ווינקט די נאַכט
מיט שטערען-שיין,
דיר ווינקט מיט פראַכט
דער הימעל ריין —
שלאָף איין, שלאָף איין,
און חלום זאַכט.

פערגעס, פערגעס
דאָס גליק, דאָס מת,
וואָס האָסט ערשט היינט
בעגראָבען עס.
אָ דעם, וואָס וויינט
געשעהט קיין נס —
פערגעס, פערגעס,
פון טרוים בעשיינט.

אין טרוים, אין טרוים
וואַקסט אויף דער בוים,

וואָס בינדט די ערד
צום הימעלס זוים.
מקוים ווערד,
וואָס האָפסט נאָך קוים —
אין טרוים, אין טרוים...
טרוים אומגעשטערט — — —

שלאָף לאַנג, שלאָף לאַנג — — —
אָ, מיר איז באַנג,
מיין האַרץ, פאַר דיר —
ביסט צופיעל קראַנק,
און פאַר דיין טיר
קלינגט וועק־געזאַנג...
אָ, פלוך דעם קלאַנג,
וואָס וועקט דיך מיר!

18.

נעכט אין טרויער,
נעכט אין טרעהרען,
אייער דויער
וועט נישט שטערען
מיין בעגעהרען
נאָך דעם גליק.
אָפט וועל גערען
איך נאָך הערען,
וואָס ס'זאָגט צו דער אויגענבליק.

אָפט וועל גערען
איך נאָך גלויבען
אויגען־שטערען,
אויגען־טויבען,

וואָס פערשרויבען
זיך אין האַרץ.
זיי דערהויבען,
כאָטש זיי רויבען
אונז די רוהע און געבען שמאַרץ.

כ׳וועל נאָך גלויבען
די סעקונדען,
וואָס פערקלויבען
זיך אין שטונדען,
זעלט׳נע שטונדען
פון דער פרייד.
יאָהרען=וואונדען,
ווערד פערשוואונדען
ווען איהר זעהט, אַ גליקס-שעה געהט!

נעכט פון טרויער,
נעכט פון טרעהרען,
אייער דויער
וועט נישט שטערען
מיין בעגעהרען
נאָך דעם גליק.
אָפט נאָך גערען
וועל איך שווערען
אייביגקייט דעם אויגענבליק.

19.

אָ קינד, זאָל מיין הימעל נאָך שוואַרצער זיך פאַרבען,
נאָך רויטער דיין האַנד פון מיין בלוט —
איך וועל נישט דערלאָזען, מיין ליעבע זאָל שטאַרבען,
מיר איז אַזוי גוט, אַזוי גוט!

איך וועל נישט דערלאָזען, מיין ליעבע זאָל שטאַרבען —
מיין ליעבע וועט שטאַרבען מיט מיר,
מיין ליעבע, די רייכע אָן זוניגע פאַרבען,
און רייכע אָן שאָטענס אָהן שיעור.

און צייטענווייז דאַכט זיך מיר גאָר, אַז מיין ליעבע
וועט לעבען נאָך מיר און נאָך דיר,
און טויזענדער ליעבענדע, טויזענדער טריבע
אַ טרייסט וועלען האָבען אין איהר.

20.

ערשט נעכטען האָב איך דיך געזעהן,
היינט בין איך וויט פון דיר —
מיין מיידעלע, מיין מיידעלע,
צי טראַכטסטו וועגען מיר?

מיין מיידעלע, מיין מיידעלע,
צי האָפסטו מיך צוריק?
דער ערשטער שניי, דער קאַלטער שניי
האָט קאַלט געמאַכט דיין בליק.

דער ערשטער שניי, דער קאַלטער שניי
האָט נעכטען אונז צעשיידט —
היינט שפרייט דער שניי זיך צווישען אונז
פיעל לאַנגע מיילען וויט.

דאָך מאָרגען קעהר איך אום צו דיר,
פון בענקעניש גענויט —
דיין קאַלטער בליק, מיין מיידעלע,
איז מיר אַ פייער-קייט.

21.

דער ים מיט טרויער איז געשלאָפען,
דער ים מיט טרויער איז ערוואַכט —
עס האָבען ווידער זיך געטראָפען
מיין אויג, וואָס ווינט און דיינס, וואָס לאַכט.

עס האָבען ווידער זיך געטראָפען
מיין האַרץ, דאָס שיף און דיינס, דער פעלז —
איצט איז אויף רעטונג נישט צו האָפען,
דאָס בייזע שפיעל וועט זיין אַ שנעלס.

מיין האַרץ, דאָס שיף, געפילט מיט קלאָגען
טרייבט ווילד צו דיר דעם שטורעמס וואוט —
דער ים מיט טרויער וועט באַלד טראָגען
אויף זיינע כוואַליעס טייכען בלוט.

22.

איך דאַנק אייך, אויגען! ווידער ציעהט איהר —
איהר ציעהט מיך צו און מאַכט מיר שמאַרץ.
איך דאַנק אייך, שמאַרצען! ווידער גליהט איהר —
איהר גליהט מיר אויס אַ כשר האַרץ.

אָ האַרץ, מיין האַרץ, דיר איז געגעבען
אַ גרויסע גרייס, אַ גליקליך גליק.
אָ האַרץ, מיין האַרץ, וועסט אייביג לעבען,
כאָטש איך צערייס דיך שטיק פאַר שטיק.

אָ האַרץ, מיין האַרץ, מען וועט געדענקען
אין טויזענד ליעבעס דיינע וועה׳ן —
אין טויזענד ברוסטען וועסטו בענקען,
אין טויזענד דורות אויפערשטעהן.

23.

איך וועל שוין פאַר דיר מעהר נישט בעטען צו גאָט,
ס'וואָלט, דאַכט מיר, געווען אַ זינד —
דו ביסט דאָך אַליין ווי אַ גאָט פול גענאָד,
דו גאָט פון מיין האַרצען, מיין קינד.

דו גאָט פון מיין האַרצען! פול מיטלייד און שמאַרץ
פערטראָגסט דו מיין ליעבע אָהן שיעור.
דו גאָט פון מיין האַרצען, מיין הימעל איז שוואַרץ,
און שיינט ער ווען — איז עס דורך דיר.

און אויך ווען דו וויזט מיר אין שטורעם דיין מאַכט,
און בליצען פערבלענדען מיך שיער,
דערזעה איך דאָס אויג דיינס, וואָס לייכט און וואָס לאַכט
אין בליץ, וואָס דו שיקסט אָן אויף מיר.

24.

פערהילט האָט אַ נעבעל דאָס הויז פון מיין ליעבסטער,
איך שטעה פון דער נאָהענט און קאָן עס נישט זעהן —
מיין האַרץ, ווען כ'זאָל וועלען, וואָלט איך דיר דערצעהלען,
אַז קיינמאָל איז דאָ אַזאַ הויז נישט געווען.

מיין האַרץ, דו ביסט נאַריש, דו וואָלסט מיר געגלויבט עס,
דו גלויבסט אַזוי לייכט אַ נישט-אמת'ן וואָרט —
דאָך, האַרץ מיינס, מיין הייניגער ליגען, ער וואָלט דיר
אויף שפּעטער דעם שמערץ פון פיעל ליגענס פערשפּאָרט...

אָ האַרץ מיינס, איך וויס דאָך — דאָס הויז דאָרט אין נעבעל
וועט מאָרגען ביים זונשיין דיר ווינקען מיט גליק...
אָ האַרץ מיינס, עס שרעקט מיך דיין קינדישעס גלויבען
אַ מיידעלשען וואָרט און אַ מיידעלשען בליק...

25.

צעהן פענסטער האָט דאָס הויז —
דורך וועלכען קוקט מיין ליעב אַרויס?
צעהן פענסטער האָט דאָס הויז —
איך קוק מיר ד׳אויגען אויס!

און טירען איז דאָ פיער —
דורך וועלכער קומט מיין ליעב צו מיר?
איך געה פון טיר צו טיר —
און טירען איז דאָ פיער!

דאָך, קומט אַרויס מיין קינד,
דערפיהלט מיין האַרץ געשווינד —
אַ זיסען דופט ברענגט מיר דער ווינד,
ווען ס׳קומט אַרויס מיין קינד.

און קומט מיין מלאך גוט,
דאַן שטעהט זי אַ מינוט —
ס׳האָט זעכציג רגע׳ס די מינוט,
ווי איז מיר אַזוי גוט!

26.

מיין ליעבסטע, די ליליע,
מיין ליעבסטע, די רויז,
זי האָט אין מיין האַרצען
צעוואַקסען זיך גרויס.
פול דערנער די רויזען,
בעריהר איך זיי קוים —
עס וויעגט זיך אויף בלעטער
פון ליליען מיין טרוים.

דער טרוים פון מיין האַרצען,
אַ שמעטערלינג גרינג
אומפלאַטערט מיין ליעבסטע,
איך וויין און איך זינג.
אַ ליליע—איהר פנים,
אַ רויז איז איהר האַרץ,
און דערנער די ווערטער,
וואָס וועקען מיין שמאַרץ.

די דערנער, די ווערטער,
זיי שטעכען מיך אָפּט,
זיי האָבען צעשטאָכען
וואָס נאָר כ׳האָב געהאָפּט —
דאָך האָפען וואָס כ׳וואַג נישט,
דאָס גרייט מיר אין שויס
מיין ליעבסטע, די ליליע,
מיין ליעבסטע, די רויז.

———

27.

אין הויכען הימעל העלע שטערען,
אין טיעפען האַרצען דיינס אַ בליק —
וואָס זאָל מיין האַרץ נאָך מעהר בעגעהרען?
וואָס דאַרף מיין האַרץ נאָך מעהר צום גליק?

איך האָב אין הימעל מיינס אַ שטערען —
היינט גיעסען אַלע שטערען גליק;
איך האָב אין האַרץ אַ ים מיט טרעהרען
און פיהל זיי שווינדען פון דיין בליק.

———

28.

די נאַכט קומט אָן אין שוואַרצען
און מאַכט דעם הימעל שוואַרץ —
נישט שרעק דיך, אין מיין האַרצען
לייכט ווי די זון דיין האַרץ!

נישט שרעק דיך, אין מיין זעעלע
שיינט ווי דער טאָג דיין זעעל!
דו האָסט מיט בליקען העלע
געמאַכט מיין זעעלע העל.

דו האָסט מיט ווערטער ריינע
געמאַכט מיין זעעלע ריין —
אָ האַרצגעליעבטע מיינע,
דו וואוינסט אין האַרצען מיין!

דו וואוינסט ביי מיר אין האַרצען —
פערלאָז עס נישט, דאָס האַרץ!
עס קומט די נאַכט אין שוואַרצען
און מאַכט די ליליען שוואַרץ...

29.

ווי זאָל איך דיר דערצעהלען,
אַז כ'האָב דיך אַזוי ליעב?
איך ווייס דאָך נישט, איך ווייס דאָך נישט
די וועגען צו דיין שטוב;
די וועגען צו דיין שטוב,
די וועגען צו דיין האַרץ —
איך ווייס דאָך נישט, איך ווייס דאָך נישט,
ס'איז יעדער וועג מיר שוואַרץ.

איך בין צו דיר געגאַנגען
אין מיטען העלען טאָג,
געפיהרט האָט מיך, געפיהרט האָט מיך
מיין האַרצענס שווערע פלאָג;
מיין האַרצענס שווערע פלאָג
האָט מיר די זון פערשטעלט —
געאירט האָב איך, געאירט האָב איך,
און האָב דעם וועג געפעהלט.

איך בין צו דיר געגאַנגען
אין זילבערהעלע נעכט,
געטראַכט האָב איך, געטראַכט האָב איך:
צי ביסטו גוט, צי שלעכט?
צי ביסטו גוט, צי שלעכט
האָב איך נישט אויסגעטראַכט —
געבראַכט האָט מיך, געבראַכט האָט מיך
צו טרעהרען יעדע נאַכט.

איך בין צו דיר געגאַנגען
אין העלען, שנעלען טרוים,
דערזעהן האָב איך, דערזעהן האָב איך
דיין זעלענהימעלס זוים —
דיין זעלענהימעלס זוים
אוי, האָב איך נישט דערגרייכט —
כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנד נאָך איהם,
און ס'איז מיין טרוים פערבלייכט.

.30

מיין שטערענדעל, מיין שטערענדעל,
מיין שטערענדעל פון גליק —

האָסט שוין געלויכטען, אַזוי העל,
וואָס לעשסטו דיך צוריק?

מיין מיידעלע, מיין מיידעלע,
מיין מיידעלע, מיין גאָלד —
וואָס האָט זיך דיר מיין שטערענדעל
אַראָבגעריסען פערוואָלט?

31.

דו געהסט אַוועק מיט אַ געלעכטער,
און לאָזט אין האַרץ מיר אַ געוויין;
דער טאָג איז תּמיד מיר אַ שלעכטער,
היינט וועט די נאַכט אויך שלעכט מיר זיין.

די נאַכט וועט מיך נישט לאָזען שלאָפען,
מיין האַרץ וועט וואַכען, שמערצבעוואַכט —
און אַל׳ מיין בענקען, אַל׳ מיין האָפען
וועט שטאַרבען, וויים איך, אין דער נאַכט.

און אַל׳ מיין האָפען און מיין בענקען
וועט גוט געדענקען שטאַרבענדיג,
אַז מאָרגען וועסטו בליקען שענקען,
וואָס מאַכען לעבעדיג צוריק.

און אַל׳ מיין האָפען און מיין בענקען
וועט מעהרער נאָך, ווי פאַר דעם טויט
זיך שרעקען פאַר די בליק-געשענקען,
וואָס וועלען אויפלעבען מיין נויט.

.32

וואָס מאַכט דאָס אויס? דו לאָזט מיך שמאַכטען,
און וועקסט מיט בליקען אָפּט מיין פּיין —
געדענק איך דאָך דיין בליק דעם ערשטען,
ער איז געווען ווי זונענשיין.

דערמאָן איך מיך דיין בליק דעם ערשטען,
ווערד יעדער בליק פון דיר מיר העל —
דיין ערשטער בליק פול גוטס און ליעבע
ער לייכט כּסדר אין מיין זעעל.

געדענקסט, וואָס יענער גרויסער קייזער
געזאָגט האָט פון זיין קייזערטום?
ביי מיר אין זעעל איז אויך דאָס זעלבע —
כּסדר געהט די זון דאָרט אום.

און ווי אין יענעם קייזערס לענדער
האָט דאָך געמוזט זיין טאָג און נאַכט,
איז אויך ביי מיר אין זעעל דאָס זעלבע —
אַ האַלבע וויינט, אַ האַלבע לאַכט.

.33

מיין לעבען, מיין לעבען, די נאַכט זי איז העל,
דער וועג אַזוי נאָהענט צו דיר —
איך שטעל מיך אַנידער ביי מיר אויף דער שוועל,
דערזעה איך דורך ביימער דיין טיר

איך שטעה און איך קוק, און אין טויזענדער שטיק
צערייסען די פלאַמען מיין האַרץ!
דער שניי אויף די ביימער צעשמעלצט פון מיין בליק —
דיין טיר שטעהט פערשלאָסען און שוואַרץ.

וואנדער-ליעדער.

(ערשטער ציקלוס.)

1.

איבער דערנער וועל איך לויפען
דורך אַ האַלבער וועלט,
ביז איך וועל דיין ליעבע קויפען,
קויפען, נישט פאַר געלד.

איך וועל קויפען דיינע אויגען
פאַר די נעכט אָהן שלאָף,
וואָס זיי האָבען זיך געצויגען
אייביג, אָהן אַ סוף.

דיינע האָר וועל איך מיר נעהמען
פאַר מיין טרויער שוואַרץ;
דיינע הענטלעך פאַר דעם קלעמען,
וואָס בעדריקט מיין האַרץ;

און דאָס ווייסקייט פון דיין שטערען,
און דיין חן, וואָס בלענדט —
פאַר דעם פייער פון בעגעהרען,
וואָס האָט מיך פערברענט.

און די ליפּען פול מיט לעבען —
פאַר מיין בלוט, וואָס גליהט!
און דיין האַרץ וועסט דו מיר געבען
פאַר מיין שענסטען ליעד.

.2

דער הימעל האָט טרעהרען געגאָסען,
געגאָסען אויף מיר און אויף דיר;
איך האָב מיינע אויגען געשלאָסען,
ווען כ׳האָב מיך געזעגענט מיט דיר.

איך האָב מיינע אויגען געשלאָסען,
און ס׳האָט זיך געעפענט מיין האַרץ —
דער הימעל האָט טרעהרען געגאָסען,
און בלוט האָט געגאָסען מיין האַרץ.

אוי, ביז כ׳האָב דאָס האַרץ מיינס פערשלאָסען
האָט בלוט זיך פערגאָסען אַ סך...
דער הימעל האָט טרעהרען געגאָסען,
ווען כ׳האָב דיך פער׳לאָזט מיט אַ לאַך.

.3

כ׳וועל וואַרטען און וואַרטען און וועל מיך דערוואַרטען —
אַ בריוועל וועט קומען פון דיר;
און בריוולעך אויף בריוולעך, ווי ליכטיגע טויבען,
זיי וועלען דאַן פליהען אָהן שיעור.

און ווערטער אויף ווערטער, בעהאַרצטע, בעזעעלטע —
דו האָסט מיך פון ווייט ערשט דערקאָנט,
און איצטער פערשטעהסטו, וואָס האָסט נישט פערשטאַנען
ווען איך בין געווען אַזוי נאָהנט.

כ׳וועל וואַרטען און וואַרטען און וועל מיך דערוואַרטען,
פול פרייד וועל איך קומען צוריק —
פון פענסטערעל דיינעם וועט קלינגען דאָס ליעדעל,
דאָס ליעד מיט דער גאָלדענער ציעג...

4.

און אַלע געפעל איך, אוי נאָר נישט דער איינער —
די איינע געפעלט מיר אַזוי!
געטרייסט וואָלט מיך יעדע, דאָך אומגעטרייסט בלייב איך —
די איינע, זי קוועהלט מיך אַזוי!

דער טוי פון מיין זעעלע, מיין האַרצליכט דאָס העלע,
בעגליקט וואָלט עס בלומען אָהן שיעור —
און איינע נאָר, איינע, די בלום די ריינסט-ריינע
בליהט ווייט און פערבאָרגען פון מיר.

און איינע נאָר, איינע, די בלום די ריינסט-ריינע,
וואָס בליהט אין פערבאָרגעניש ווייט
דערוועקט דעם גן-עדן-דופט אין מיינע ליעדער,
דערוועקט דאָס גהינם, וואָס כ'לייד.

5.

צו דער ליעבסטער אין דער ווייטען:
כ'טראַכט פון דיר, געליעבטע מיין,
ווען דער טאָג פערגעהט אין טרויער,
ווען די נאַכט קומט אָן אין פיין.

צו דער ליעבסטער אין דער ווייטען:
כ'וויין און וויין, געליעבטע מיין,
ווען דער חלום ברענגט דיין בילד מיר,
ווען די טרוימען שטיל פערגעהן.

צו דער ליעבסטער אין דער ווייטען:
יעדען טאָג, געליעבטע מיין,
ווען די זון איהר ליכט פערשפּרייטען —
וויס, זי שיינט נאָר דיר אַליין.

צו דער ליעבסטער אין דער וויטען:
אין דער נאַכט, געליעבטע מיין —
פאַלט אַ שטערען פון זיין הימעל,
וועט עס מיין נשמה זיין.

.6

אַ גאַנצע נאַכט איבער'ן ים געקוקט
צו יענער זייט, וואו דו פערברענגסט —
אַ גאַנצע נאַכט איין וואָרט געשיקט:
געדענקסט?

און ס'האָט דער מאָרגענווינד געבראַכט
אַ'ן ענפער מיר אויף מיין געוויין —
ס'האָט קאַלט דער מאָרגענווינד געלאַכט:
אוי ניין!

7.

איך האָב זיי געזעהען, די פייגעלעך קליין,
זיי זענען געפלויגען אין זוניגען שיין,
זיי זענען געפלויגען מיט פרייד און מיט גליק
אַריבער דעם ים צו די נעסטער צוריק.

און כ'האָב מיך דערמאַנט, וואָס כ'פערגעס נישט קיין מאָל:
דאָס נעסט פון מיין האַרצען, דאָס שטעדטעל אין טאָל;
מיין בליק האָט מיט טרעהרען די פייגעל בעגלייט —
געליעבטע, דיין נאַכטיגאַל בלייבט אין דער ווייט!

8.

אַ שטערען קוקט אין ים אַריין,
מיין ליעדעל פליהט צו דיר —
דער ים פערדאָפּעלט שטערען־שיין,
מיין ליעד שטאַרבט פאַר דיין טיר —
דו לאָזט מיין ליעדעל נישט אַריין
אין הערצעלע צו דיר.

כ׳וועל וואַרפען מיך אין ים אַריין,
אין ים אַריין דורך דיר,
כ׳וועל וואַרפען מיך אין ים אַריין
מיט אַל׳ מיין ליעד־געקלירר —
דאַן וועל איך לייכטען שטערען־שעהן
אין הערצעלע ביי דיר.

9.

אין דער וויטער, וויטער וויט
רופט צו דיר מיין האַרצענס לייד —
רופט אומזיסטיג, און אומזיסט
מיין טרעהר פערפליעסט.

אין דער נאָהנטער, נאָהנטער נאָהנט,
ווען האָסט הערען מיך געקאָנט
פלעג איך רופען, רופען דאָך
אומזיסטער נאָך.

10.

דער טרויער איז געקומען,
מיין אַלטער, גוטער פריינד,
און האָט מיט מיר אין שטילען
אַ גאַנצע נאַכט געוויינט.

און כ׳האָב איהם שטיל געזעגענט
מיט אויגען טרעהרענרויט:
ווען דו וועסט ווידער קומען
ברענג מיט דעם פריינד, דעם טויט.

11.

דו האַרטע, דו צאַרטע, דו שטילע,
דו פייניגסט מיין האַרץ אין דער שטיל,
און צייטענווייז דאַכט מיר אַפילו,
אַז ס׳טרוימט זיך מיר נאָר מיין געפיהל.

און צייטענווייז מיין איך אַפילו,
אַז כ׳וועל נאָך ערוואַכען פון טרוים —
דאָך צייטענווייז וויין איך אַ תפילה,
וואָס בעט אויף דעם טויט זיך אין טרוים.

12.

ביים כנרת׳ס העלע וועללען
שטעהט אַ בוים און קושט דעם שוים;
שטאָט די בליטען — בונטע בענדער,
און קיין בלעטער האָט דער בוים.

ווען כ׳בין דאָרט פאַרבייגעשוואומען
האָט מיין שיפער מיר דערצעהלט:
„ס׳הענגען־אויף דאָרט גליקען־סגולות
די, וואָס זענען ליעב׳־געקוועהלט.

ס׳הענגען־אויף דאָרט האָפנונגסצייכען
די וואָס זענען ליעב׳־געבלייכט —
און דאָ אונטען ליעגען לייכען,
האַרץ־בערוהט און מעערגרונדפייכט.

און דער אָרט פערמאָגט אַ צויבער:
שווימט אַ ליעבענדער פאַרביי
און עס איז איהם גליק געשריבען —
געהט דאָס שיפעל לייכט און פריי;

דען די לאַסט פון זיינע ליידען
רייסט זיך אָב און פליהט אַוועק
דאָרט צו יענעם האָפנונגסבאָרטען,
דאָרט צו יענעם בוים ביים ברעג.

דאָך די בלייכע, לייכענגלייכע,
האָפנונגספריידבערויבטע לייט
דריקען שווער, ווי ס'דריקט אַ לייכע —
און דאָס שיפעל קוים עס געהט."

פלוצים שוויגט פול שרעק מיין שיפער
דען דאָס שיפעל קוים עס ריהרט —
דאָרט פאַרביי דעם האָפנונגסבאָרטען
האָט מיין האַרץ אַ מת געפיהרט.

13.

עס שווייגט דער געזאַנג אין די נעסטער,
דער טוי דעקט די בלימעלעך צו —
נאָר איך האָב קיין רוה נישט, מיין שוועסטער,
געליעבטע, נאָר איך האָב קיין רוה.

נאָר איך האָב קיין רוה נישט, מיין שוועסטער,
געליעבטע, וואו איז זי מיין רוה?
אַך, דו ביסט מיין נעסט דאָך געוועזען —
מיין ליעבליכער בליהגאָרטען — דו.

אַך, דו ביסט מיין נעסט דאָך געוועזען —
וואָס מוז איך בעוויינען מיין נעסט?
געליעבטע, איך בין ווי די בלומען,
אָן וועלכע דער הימעל פערגעסט.

14.

וויפיעל טרויער, וויפיעל טרעהרען —
און דאָס האַרץ איז נאָך נישט מיעד,
און מיין האַרץ, עס לאָזט אַלץ הערען
נאָך אַ ליעד און נאָך אַ ליעד.

און מיין האַרץ, עס קלויבט ווי פערעל
וואָרט צו וואָרט און קלאַנג צו קלאַנג—
וויפיעל טרויער, וויפיעל טרעהרען
וועט נאָך ווערען צו געזאַנג!

15.

קומט די רוה צו מיר צו געהן,
לאַכט זיך אויס פון מיר:
וואָרום לאָזט דו אָפען שטעהן
האַרצענס טויער און טיר?

לאָז דיין האַרץ נישט אָפען שטעהן —
רויבער לאָקט זיין ציער!
שליעס דיין האַרץ אויף שלעסער צעהן—
און כ׳וועל זיין ביי דיר.

16.

דו פייגעלע אין האַרץ ביי מיר
פערמאַכט אויף הונדערט ריגעלעך,
וואָס קלאַפּסטו מיט די פליגעלעך,
וואָס ציטערסטו אַזוי?

אָ וואַרט נאָך, וואַרט אַביסעלע,
באַלד פּלאַצט מיין האַרץ, דאָס שטייגעלע,
דאַן פליהסטו, אָרים פייגעלע,
בעפרייט צום הימעלס בלוי...

17.

שטיל געוואָרען איז דאָס האַרץ —
האַרץ, וואָס האָט דיך שטיל געמאַכט?
ס'האָט מיך שטיל געמאַכט די נאַכט
מיט איהר שווייגען טיעף־קלוג־שוואַרץ.

פול געוואָרען איז דאָס האַרץ —
האַרץ, וואָס האָט דיך פול געמאַכט?
ס'האָט מיך פול געמאַכט דער שמאַרץ,
וואָס אין שוואַרצער נאַכט ערוואַכט.

18.

עס ציהען זיך וועגען אויף מיילען די לענג —
און קיינער פון זיי פיהרט צו דער, וואָס איך בענק —
עס ציהען זיך וועגען אַהין און אַהער,
אויף יעדען פון זיי גלאַנצט מיין איינזאַמע טרעהר,
אויף יעדען פון זיי גלאַנצט מיין איינזאַמע טרעהר —
אויף יעדען פון זיי בין איך איינזאַמער מעהר.

און וואַנדערען וועל איך טאָג־איין און טאָג־אויס,
און קיינמאָל נישט רוה׳ן אויף איהר רוהיגען שויס;
און וואַנדערען וועל איך שוין אייביגע צייט,
ווייל די, וואָס איך בענק נאָך איהר זיצט אַזוי ווייט;
ווייל די, וואָס איך בענק נאָך איהר זיצט אַזוי ווייט,
און געהט נישט אַקעגען — און ווייסט, אַז איך לייד.

19.

און האָסטו מיר געשניטען
דאָס גליק פון האַרץ אַרויס —
דיין האַרץ האָט שטיל געליטען
אַ שמערץ, ווי מיינער גרויס.

און האָסטו מיך פול באַנגען
פערשטויסען פון דיין ברעג —
דיין זעעל איז מיטגעגאַנגען
צו בלאָנזען אויף מיין וועג.

און כ׳ווייס, דו וועסט פערבלייבען
פער׳יתומ׳ט און אַליין,
ווען ס׳וועט אַ שטורם פערטרייבען
מיין שיף אין טויט אַריין.

20.

און געלאָזט האָב איך זי אין אַ קורצינקען קלייד,
און געטראָפען אין לענגערע קליידער —
און געגאַנגען בין איך מיט אַ האַרציגען לייד,
און דאָס לייד איז געוואַקסען כסדר.

און געגאַנגען בין איך מיט אַ סוד אין דעם האַרץ,
און איך קום מיט אַן אָפּענעם האַרצען —
הונדערט מיילען צופריהר געהט אַ ליעדעל פאַר מיר,
געהט אַ ליעדעל פון ליעבע און שמאַרצען.

הונדערט מיילען צופריהר געהט אַ ליעדעל פאַר מיר—
האָסטו, ליובע, דאָס ליעד מיינס פערנומען?
„יאָ מיין ליעבער, געוויס — אָבער דו אַליין ביסט
הונדערט מיילען צו שפעט שוין געקומען.״

21.

וויפיעל ליעדער וועל איך זינגען,
ביז איך וועל דיין האַרץ בעצווינגען?
וויפיעל ביכער וועל איך שרייבען,
ביז איך וועל מיין שמערץ פערטרייבען?

וויפיעל דורות וועלען לעזען,
וואָסער שלעכטע ביסט געוועזען?
וויפיעל הערצער וועלען קלערען:
איז זי ווערט געווען די טרעהרען?

וואנדער-ליעדער.

(צווייטער ציקלוס.)

1.

מיידעל, מיידעל, מיין טרויער, מיין פרייד!
וואָס העלפען די ליעדער, וואָס העלפען די רייד?
וואָס העלפט מיר, אַז כ'האָב אין מיין ליעד דיך געקושט —
וואָס העלפען די רייד, אַז דו ענפערסט מיר נישט!

מיידעל, מיידעל, מיין וועהטוג, מיין גליק!
אָט שענקסטו אַ בליק און אָט נעמסטו צוריק!
דיין זעעל צו זעהן איז ווי די זון צו זעהן שווער —
אָט טריקענט מיין טרעהר, און אָט גיעסט זיך מיין טרעהר.

און כ'ווייס נישט, צי איז נאָר אַ טרוים, וואָס איך לייד,
און כ'ווייס נישט, צי ביסטו נישט טויזענד מייל ווייט,
מיין טרויער, מיין פרייד, דו מיין גליק און מיין שמאַרץ —
מיידעל, מיידעל, דו האַרץ פון מיין האַרץ!

2.

האָסט דאָך ביידע הענטעלעך
צום האַרצען צוגעלעגט —
וואָסזשע האָסטו „ניין" געזאָגט,
ווען כ'האָב דיך געפרעגט?

צי דער טאַטע שרעקט עס דיך,
צי די מאַמע גאָר?—
האַלט די האַנד ביים הערצעלע,
און וואַרט אויס נאָך אַ יאָהר.

3.

עס זענען נאָך ים׳ען געבליבען
כ׳זאָל צייכנען מיין וועג אויף זיי,
עס זענען נאָך וויסטען געבליבען
כ׳זאָל קיהלען אין זיי מיין וועה,
עס זענען נאָך פעלזען פערבליבען
כ׳זאָל זינגען פאַר זיי מיין ליעד —
נאָך איז נישט מיין גאַנצער ווינטער,
מיין גרויסער ווינטער פערבליהט.

4.

ווי וואונדערליך, ווי וואונדערליעב צו קלערען:
כ׳געדענק די צייט, ווען ביסט אַ קינד געווען —
און איינמאָל האָב דערוועקט איך דיינע טרעהרען,
כ׳געדענק ווי היינט — צוריק מיט יאָהרען צעהן.

איהר קליינע פלעגט אונז אָפט ביים שפּיעלען שטערען,
און טרייבען פלעגען מיר אַייך אָפטע מאָל —
און איינמאָל האָב דערוועקט איך דיינע טרעהרען,
האָסט לאַנג געדריקט צום אויג דאָס הענטעל שמאָל.

ווי וואונדערליעב, ווי וואונדערליך צו קלערען:
כ׳געדענק ווי היינט, דו האָסט געוויינט דורך מיר — — — —
איין טרעהר פון דיר איז היינט מיין גאַנץ בעגעהרען —
און וואַרטען וואַרט איך יאָהרען שוין אויף איהר.

5.

ווי לאַנג, ווי לאַנג, ווי לאַנג, ווי לאַנג נאָך וועל איך,
ווי לאַנג נאָך וואַרטען אויף דיין גוטען וואָרט!
אָ זעה, אָ זעה, דאָס גאַנצע האַרץ פערשטעל איך —
און ס׳בלענדט מיין העלע ליעב׳ דאָס אויג דיר פאָרט.

דער טאָג פערשווינדט, די נאַכט קומט מיר אַקעגען,
און ווי אַ קינד אַנטלויפט די פרייד פון מיר —
ווי לאַנג, ווי לאַנג, אויף וויפיעל פרעמדע וועגען
וועל איך נאָך בלאָנזען געהענדיג צו דיר?

ווי לאַנג, ווי לאַנג, אין וויפיעל טויזענד ליעדער
וועל איך דיין ליב צעטראָגען אויף דער וועלט —
ביז ס'זינקט מיין קאָפּ ביי דיר אין שויס אַנידער,
ווי שפּעט אין הערבסט אַ שווערע זאַנג אין פעלד!

6.

אין שפּעטער נאַכט וועל איך דעם לאָדען שליעסען,
דאָס פענסטער שליעסען און די טיר פערשליעסען —
און לעזען בריעף, וואָס דו האָסט נישט געשריבען,
און פרעהען מיך מיט נישט-געשיקטע גריסען.

און ווייסטו, ווי מען טוט אַזאָלכע זאַכען? —
מען ליעגט, דאָס פּנים צו דער וואַנד, און קלערט זיך:
אַ גרוס איז יעדער קלאַפּ פון ווינד, וואָס הערט זיך,
און אַ גוטער בריעף ווערט אין טרוים מיך גליקליך מאַכען.

7.

בלייכער טאָג, ווען דו ווערסט קומען
ברענג מיר אויך דאָס בלייכע קינד —
כ'האָב אין טרוים געזעהען בלומען
האַלבגעבראָכען פון דעם ווינד.

בלייכער טאָג, ווען דו ווערסט קומען
ברענג דאָס קינד מיט האַרצגרונדוואונד —
כ'האָב אין טרוים אַ סוד פערנומען,
ווי מען מאַכט אַ בלום געזונד.

8.

האָסט בעשטריקט מיך, ליעבסטע מיינע,
האָסט בעגליקט מיך, ליעבסטע מיינע,
ווי אַ דופט, וואָס קומט אַקעגען —
ווי אַ פריינד אויף פרעמדע וועגען.

און איך טרוי דיר, ליעבסטע מיינע —
און איך בוי דיר, ליעבסטע מיינע,
קיין פערשלאָס פאַר דיינע דופטען,
חוץ פּאַלאַצען אין דער לופטען.

9.

און קומען געדאַנקען — זיי זאָגען דיין נאָמען,
און האָב איך א טרוים — איז פון דיר;
די שעהנקייטען דיינע ווי בלומיגע זאָמען
זיי רוהען און בליהען אין מיר.

און פאַלען די שאָטענס, דאַן הער איך די ווערטער,
וואָס דו האָסט געזאָגט אין דער שטיל —
און שווינדען די שאָטענס, דאַן ווער איך פערקלערטער,
ווייל כ'ווייס, ס'איז צו פיעל, וואָס איך וויל.

און קומען די ליעדער ביים וועה-טאָגס גסיסה,
פערגעס איך אָן אַלץ, נאָר דיך נישט.
ווי קאָן איך פערגעסען, מיין ליובע, מיין זיסע,
אַז כ'האָב נאָך דיין ליפּ נישט געקושט?

10.

איין זון שיינט טעגליך דיר און מיר,
און אפשר קומט דער זעלבער ווינד,
וואָס וויעגט די גראָזען פאַר מיין טיר —
און קיהלט דיין הייסען שטערען, קינד.

און אפשר פיהלסטו אין דער רוה,
וואָס ס׳ברענגט די נאַכט אַקעגען דיר
דעם טרוים, וואָס שליעסט מיר ד׳אויגען צו,
און עפענט מיר דיין ווייטע טיר.

11.

און יעדער שטורעם טרייבט צו דיר
מיין שטורעם-מיעדע זעעל צוריק —
אָ עפען מיר דיין ענגע טיר,
און גיב מיין זעעל דאָס פיער-וועגד-גליק.

און נאָר אין נעכט, ווי העלע טעג,
און נאָר אין טעג, ווי שווארצע נאַכט
לאָז פריי מיין זעעל אויף איהר געיעג —
און זינג דאָס ליעד, וואָס ז׳האָט געבראַכט.

12.

איך וועל קומען אַהיים אין אַ גאָלדענעם טאָג,
ווען דער זומער וועט וואוינען אין גאָרטען —
איך וועל ברענגען אַהיים דאָס פערמעג, וואָס כ׳פערמאָג:
אַ ליעדעל פון ליעבע, אַ וואַנדערער-קלאָג,
אַ ליעד פון פערלוירענעם באָרטען.

און אַקעגען וועט קומען מיין מוטער פול פרייד,
און לאַכענדיג ווישען די טרעהרען;
און די שוועסטער אין לענגער-געוואָרענעם קלייד
וועט קומען מיט קושען און צערטליכע רייד,
און פייכט וועט דעם טאַטענס אויג ווערען.

און ביים שכן אין גאָרטען וועט שווייגענדיג שטעהן
אַ מיידעל מיט גאָלדענע בליקען — — —
כ׳וועל דעם טאַטען נישט זעהן, כ׳וועל די מאַמען נישט זעהן —
עס וועט קומען אַ ליעד צו מיין הארצען צו געהן,
אַ ליעד פון געפונענע גליקען.

דאָס מיידעל, וואָס האָט מיך נישט ליעב...

דער גאָרטען — אַ גאָרטען מיט ליליע און רויז,
און די שטוב איז אַ פריינדליכע שטוב,
און דאָס מיידעל, וואָס קוקט פון דעם פענסטער אַרויס
איז דאָס מיידעל, וואָס האָט מיך נישט ליעב.

קום איך מאָרגענס צו געהן, נעהם פון גאָרטען אַ בלום
און איך ברענג זי אַריין אין דער שטוב,
און מען רעדט, און מען לאַכט — אין אַ ווינקעלע שטום
זיצט דאָס מיידעל, וואָס האָט מיך נישט ליעב.

געה איך מיטאָגס פאַרביי, זינג אַ ליעדעל מיר פריי,
שיק פון ווייטען אַ גרוס צו דער שטוב,
ענפערט יעדער צוריק — דאָך קיין איינציגער בליק
פון דעם מיידעל, וואָס האָט מיך נישט ליעב.

כ'קום אין אָבענד צו געהן, ברענג אַ ביכעלע שעהן,
לעז עס הויך אין דער ליכטיגער שטוב;
ס'בוך פון ליעבע דערצעהלט — ביי דעם טישעל נאָר פעהלט
אָפט דאָס מיידעל, וואָס האָט מיך נישט ליעב.

* *

איז דער זומער אַוועק, שטעהט מיין פוהרעל געשפּאַנט
און געזעגענען קום איך די שטוב —
מיט אַ טרעהר אין דעם אויג, מיט אַ בלום אין דער האַנד
זיצט דאָס מיידעל, וואָס האָט מיך נישט ליעב.

פאַלט אַ טרעהר אויף דער בלום, פאַלט די בלום אויף דער ערד,
און דאָס קינד פאַלט אַריין אין דער שטוב —
אין אַ ווינקעלע שטיל האָב איך וויינען געהערט
אַך, דאָס מיידעל, וואָס האָט מיך נישט ליעב.

און געזעגענט, און אויס! כ'הייב פון דר'ערד אויף די רויז —
און דער וועג פיהרט אַוועק פון דער שטוב;
ביי דעם פענסטערעל שטעהן האָב איך ווייט נאָך געזעהן
דאָרט דאָס מיידעל, וואָס האָט מיך נישט ליעב.

און אַ יאָהר, עס פערפליהט; און דאָס היינטיגע ליעד
שרייב איך דאָרט אין דער פריינדליכער שטוב —
ס'בליהט אין גאָרטען די רויז, און ביי מיר אויף דעם שויס
זיצט דאָס מיידעל, וואָס האָט מיך נישט ליעב.

די הייליגע צוויי

I.

„אַ שטיין ביים וועג מיין קישען
דאָס לאַנגע לעבען לאַנג —
היינט איז דיר ליעב מיין ליעבע,
און מאָרגען טוט דיר באַנג.“

— און איז מיר ליעב דיין ליעבע,
ווי קאָן זי באַנג מיר טון?
אַ שטיין ביים וועג דיין קישען,
און איך וועל מיט דיר רוה'ן.

„אַ וואָלקען אויף דעם הימעל,
אַ דאָרען אויף דעם וועג,
די ליעבע איז אַ טרויער —
אָ פרעג ביי לייטען, פרעג.“

— וואָס זאָל איך לייטען פרעגען,
איך פרעג מיין האַרץ אַליין;
די דערנער אויף די וועגען,
זיי קאָנען בלומען זיין.

„און זענען דערנער בלומען,
איז אפשר גאָלד די נויט? —
וועסט טויזענד טרעהרען שלינגען
מיט יעדען ביסען ברויט.“

—כ'וועל שלינגען טויזענד טרעהרען,
און גיעסען טויזענד מעהר —
די ליעב' גיעט טויזענד פריידען
פאַר יעדער איינער טרעהר.

„אָ ליעבסטע מיינע, ליעבסטע,
פול גלויבען איז דיין זעעל —
דאָך זאָלסטו מעהר נישט גלויבען
דאָס שלעכטס, וואָס איך דערצעהל —

„אָ ליעבסטע מיינע, ליעבסטע,
איך גרייט דיר פרייד אַ סך —
דאָס הויז, וואָס כ'וועל דיר בויען,
פון גאָלד וועט זיין דער דאַך —

„דער וועג, וואָס כ'וועל דיך פיהרען,
פול בלומען וועט ער זיין,
דו וועסט קיין טרעהר פערליערען
אין גאַנצען לעבען דיין.״

— אָ גרייטסטו מיר בלויז פריידען,
דו שלעכטער, שלעכטער, אוי —
כ'וואָלט תיכף דיך פערלאָזען,
ווען כ'ליעב דיך נישט אַזוי.

II.

און ווילסטו נישט פון מיין פערמעג —
ווי וועל איך אוצרות זאַמלען קענען?
און זעה איך דיך נישט אויף מיין וועג—
ווי קאָן איך מיך צו פרייד געוועהנען?

און האָט דיין בליק מיך נישט געקושט —
ווי זאָל דאָס גליק אין אויג מיר גלאַנצען?
און נעמסט מיין לעבענס העלפט דו נישט—
איך שליידער עס אַוועק אין גאַנצען.

און טרינקסטו נישט צוגלייך מיט מיר —
איך וויל פערדורשטען ביי די קוואַלען!
און אָהן דער זיסער לאַסט פון דיר,
געליעבטע זעעלע, וועל איך פאַלען.

III.

עס וועלען ווינטען פליהען,
עס וועלען וואָלקען ציהען,
זיי ציהען גיך אַוועק —
געליעבטע, זיי אָהן שרעק.

עס וועלען שטערען שטראַהלען,
עס וועלען ליעדער שאַלען,
זיי שאַלען נישט צו לאַנג —
געליעבע, זיי נישט באַנג.

עס וועלען יאָהרען געהען
פול פריידען און פול וועהען,
גלייך גוט איז לייד, ווי פרייד —
געליעבטע, זיי בערייט!

פול שרעק, פול האַרצלוסט באַנגער
וועט זיין דער וועג, דער לאַנגער,
ער פיהרט ביים אָבגרונדס ראַנד —
געליעבטע, גיב דיין האַנד!

IV.

און וואו זאָל איך בויען דאָס זיכערע הויז,
אַז נישט אויף דיין ליעבליכען וואָרט?
און וואו זאָל איך פלאַנצען מיין ליעבע, די רויז? —
דיין האַרץ איז דאָס זיכערסטע אָרט.

און וואו וועט דעם שטורעם פערגעסען מיין גייסט,
אַז נישט אין דיין פריעדליכען בליק?
און ווער ווייסט אַזוי, ווי דיין זעעלע עס ווייסט,
ווי גרויס און ווי קליין ס'איז מיין גליק.

V.

די לאַנגע יאָהרען, וואָס כ'האָב געוואַרט,
וועסט דו די יאָהרען מיר וויעדערגעבען?
די טרוימען מיינע, ווי בלומען צאַרט,
וועסט דו ביים אָנהויב הערבסט זיי בעלעבען?

דעם אוצר טרעהרען, וואָס כ'האָב פערוויינט,
וועסט דו די טרעהרען מיר וויעדערקעהרען?
די קרוין פון ליעב', וואָס די יוגענד קריינט,
ווי וועט זי שטעהן אויף מיין מיעדען שטערען

דעם יונגען גלויבען אָן גוטען גליק,
וועסט דו איהם נאָך אין מיין האַרצען וועקען?
אָ זעה, געליעבטע, מיין פינסטערען בליק —
וועסט דו פערטרייבען פון איהם די שרעקען?

„געליעבטער מאַן — אָ איך וועל עס טון!
געליעבטער מאַן — כ'וועל דיר געבען אַ זוהן."

VI.

„דו קינד, וואָס ווילסט אַ פרוי מיר ווערען,
דו פרוי, וואָס ווילסט מיר זיין אַ קינד,
די שכינה רוהט דאָך אויף דיין שטערען —
און זעה — די מענשען זענען בלינד!"

— דו מאַן, וואָס כ׳וויל נאָר דיר געהערען,
דו מאַן, דו קינד — צו גוט דיין וואָרט!
די שכינה רוהט נישט אויף מיין שטערען —
אין דיינע אויגען איז איהר אָרט.

„דו רוה, וואָס גאָט האָט מיר געגעבען,
דו גרעסער גליק, ווי כ׳האָב בעגעהרט,
דו ליעבע אומרוה פון מיין לעבען —
אָ זעה, ווער ווייסט דען דאָ דיין ווערט?"

— דו מיעדער, רוה ביי מיר אין לעבען,
דו טריבער — לאָז ביי מיר דיין טרעהר,
דו שטאַרקער — נעהם מיך מיט אין שוועבען!
ס׳איז גוט, וואָס ס׳קען מיך קיינער מעהר.

„דו האַרץ, וואָס ווילסט אין דיר מיך שליעסען,
דו זעעל, וואָס לעבען ווילסט אין מיר,
מיין זעעלע ברענט דאָך דיר צו פיסען —
און זעה, די וועלט שטעהט קאַלט פאַר דיר!"

— אַך זעה, דיין זעעל ברענט מיר צו פיסען,
און גאָר די וועלט קוקט קאַלט אויף מיר —
אָ, לאָ׳מיר פאַר דער וועלט פערשליעסען
פון אונזער הייליגטום די טיר!

אינהאַלט:

פּראָלאָג.

ערשטעס בוך: פון הארץ ארויס.

זייט

אומעטום 7
איך שעהם מיך... 8
ליעדער און טרעהרען 9
מיינע טעג. 10
שטילער טרויער. 11
אין די שאָטען פון מיין צימער. 12
איך און די נאכט. 13
צו מיר האָט אַ קבר געזאָגט... 14
פול בלוט איז געוועזען. 15
ווען מען האקט דעם וואלד 16
פאר דער וואנדערונג. 17
און געהט מיין וועג 18
די היים. 19
די מאמע. 20
דיין מוטער איז אַ שטילע טויב... . . . 21

זייט

שבת. 22
אויף יענער זייט 23
צווישען בלומען 24
טויזענד-איינס 25
איך ווייס נישט 26
פיער שורה'לעך. 27
איך זינג אייך 28
וואַרנונג. 29
מיר קומען צו דיר 30
איך גיב זיי געהרען... 31
צו אַ פריינד. 32
צו מיינע אומבעקאַנטע. 33
צו די קומענדיגע. 34
ביי אייך מיין זעעל 35
אַ ליעד, אַ ליעד 36

צווייטעס בוך: רעכטס און לינקס פון וועג.

זייט

וואנדערונג. 39
אויף דעם וועג. 40
וואנדערער-גליק. (I—XV) 41
צו אַן עהרליך קינד (I—II) 49
מיט דעם ערשטען פריהלינגסווינטעל. . . 51
אַזוי פיעל בלימעלעך 52

זייט

איך ברענג דיר, הארץ 53
צו מיינע אומבעקאַנטע 54
עס האָט מיך דער הימעל מקנא געווען. . 55
אויף מיין קבר. 56
צו די שעהנע 57
אַ גאָט, דו האָסט געזעהן. 58

דריטעס בוך: שטעגען, וועגען, דער ליעב' אקעגען.

וואַכע טרוימען

זייט

בעדענקסטו... 63
דיינע אויגען . . . . „
לעג איך מיך אין אייזענבעטעל . . . 64
וועסט דיך אויפחאַפּען פון שלאָף. . . . 65
איך רוף דיך. . . . . „

זייט

מיין אויג בעגלייט די זון 66
אַ שוואַרצע נאכט 67
היימיש איז ביי אונז. . . . . . . „
דאָס איז עס. 68
מיין שטיל געוויין. 69
אַ ווייסענקער נעבעל. . . . . . . „

זייט
מיין ליעד וועסטו אפשר נישט לעזען . 70
די וואָלקען רויך צעשווימען 71
מיר האָבען זיך געטראָפען 72
אין דעם גאָרטען וועל איך געהן. . . . ״

דער קיהלער הערבסט

זייט
א בריעף (I—II) 77
ערינערונג. 79
א זיפץ. 80
דיין בריעף האָב איך צעריסען . . . 81
וועל איך קומען צו דיין שטיבעל . . . 82

טרעהרענשיין

זייט
אי די נעכט אָהן שטערענשיין . . . 85
זעה, א שטערען איז געפלייגען 86
איך ווייס, דיין אויג 87
ארום דיין האלז 88
האָסט מיך שטיל ארומגענומען . . . 89
צוויי שטורעמס. 90
די רויזען פאר דיין פענסטער . . . 91
דער טאטע און די מאמע 92
סערענאדע. 93
כאָטש איינמאָל בעוויז דיך 95
אָבענדליעדער (I—IV) 96
און ווידער דיין פענסטער 99
האָב איך מיך געוואָגט צו קומען . . . 100
פריהלינג און הערבסט. 101

זייט
אָבשיידסליעדער (I—VII) 102
א בריעף (I—II) 106

וואַנדערער-שמערץ

זייט
זינגערלעגנד. 111
דו האָסט מיר געהייסען 112
לעבען און טויט. 113
כ'האָב בעזונגען 114
און נאָך די טעג 115
דו הערסט מיינע ווערטער 116
בעהאַלט מיינע ליעדער 117
דער טאָג איז א טריבער געוועזען . . . 118
הארצשרעק 119
פערגעס 120
שמערצליכע רוה. 121
ווינטער. 122
א בריעף צו א פריינד. 123
אייביגעס בליהען. 125
נאָך א בריעף. (I—III) 126
וואנדערער-שמערץ. 128

פערנאַרבט

זייט
ווינטער אין גאָרטען. 131
א בלעטעל מחשבות. 139
שטערענליעבע 146
אויסקלאַנג 156

פיערטעס בוך: פרינצעסין טויבענהארץ.

די זון געהט אויף

זייט
איך ווייס נישט ביז היינט 163
ביים קלאוויער (I—III) 164
דיינע הענד (I—II) 167
אויגענשפראָך. 169
זעעלענבונד 170
קינד, מיין וועג 171
אָ איך ווייס עס 172

הייליגע אָבענדען

זייט
דאָס ליעדערלעזען 175
דער נאכטפאלטער. 177
הערבסט. 179
א מעשה. 181
ענדערונג. 183
ווינטער. 185

דערנער בליהען

זייט
אויף וויסטע, נאַכטבעדעקטע וועגען . . . 189
מיין קינד, צו קינדיש . . . . . . „
מיין שטערען, מיין שטערען 190
ווי נאָהנט . . . . „
אַ וואָרט און צוויי 191
גישט איין געוויינטאָג . . . . . . „
פאַרוואָס, כאָטש איך האָב דיר . . . „
ווען כ'געה צו דיר די וועגען 192
בעגאַנגען מיט אַ האָפענונג 193
אַ האַלבער הימעל 194
ווען איך געה פאַרביי . . . . . . „
דערזעה איך דיך 195
איך בענק נאָך דיר 196
טיעפער שניי 197
פערשווינדט, פערשווינדט, געדאַנקען . . . „
איך וועל לאָזען געהן די טעג 198
שלאָף איין 199
נעכט אין טרויער 200
אַ קינד, זאָל מיין הימעל 201
ערשט נעכטען 202
דער ים מיט טרויער 203
איך דאַנק אייך, אויגען . . . . . „
איך וועל שוין פאַר דיר 204
פערהילט האָט אַ נעבעל . . . . . „
צעהן פענסטער 205
מיין ליעבסטע, די ליליע . . . . . „
אין הויכען הימעל 206
די נאַכט קומט אָן 207
ווי זאָל איך דיר דערצעהלען . . . . „
מיין שטערענדעל 208
דו געהסט אוועק מיט אַ געלעכטער . . 209
וואָס מאַכט דאָס אויס. 210
מיין לעבען, מיין לעבען . . . . . „

וואַנדער-ליעדער (ערשטער ציקלוס.)

זייט
איבער דערנער וויל איך לויפען . . . 211
דער הימעל האָט טרעהרען געגאָסען . . 212
כ'וועל ווארטען און ווארטען 212
און אלע געפעל איך 213
צו דער ליעבסטער אין דער ווייטען . . 213
אַ גאַנצע נאַכט איבער'ן ים געקוקט . . 214
איך האָב זיי געזעהען . . . . . . „
אַ שטערען קוקט אין ים אריין . . . 215
אין דער ווייטער, ווייטער ווייט . . . „
דער טרויער איז געקומען . . . . . „
דו הארטע, דו צארטע 216
ביים כנרת'ס העלע וועללען . . . . „
עס שווייגט דער געזאַנג 217
וויפיעל טרויער 218
קומט די רוה . . . . „
דו פייגעלע 219
שטיל געוואָרען . . . . „
עס ציהען זיך וועגען . . . . . . „
און האָסטו מיר געשניטען 220
און געלאָזט האָב איך זי . . . . . „
וויפיעל ליעדער 221

וואַנדער-ליעדער (צווייטער ציקלוס.)

זייט
מיידעל, מיידעל, מיין טרויער, מיין פרייד . 222
האָסט דאָך ביידע הענטעלעך . . . . „
עס זענען נאָך ימ'ען געבליבען . . . 223
ווי וואונדערליך . . . . „
ווי לאַנג, ווי לאַנג . . . . „
אין שפעטער נאַכט 224
בלייכער טאָג . . . . „
האָסט בעשטראָקט מיך 225
און קומען געדאַנקען . . . . . . „
איין זון שיינט טעגליך . . . . . „
און יעדער שטורעם 226
איך וועל קומען אַהיים . . . . . . „

דאָס מיידעל, וואָס האָט מיך נישט ליעב . 227
די הייליגע צוויי (I—VI) 231